Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען.

היינט 8 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

№ 163 | Łódź, Wtorek 15 lipca 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג י"ט תמוז תר"ץ | № 163

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

אונצופרידן דער אנפיהרערשאפט פון דער ציוניסטישער באוועגונג

האט אויסגעדריקט דער קאנגרעס פון די ראדיקאלע ציוניסטען אין לעמבערג

לעמבערג, 14. (טעלעפאניש).

אויף דער היינטיגער זיצונג פון די ראדיקאלע ציוניסטען איז פארגעקומען א הייסע דעבאטע צווישען אינזשיניער שטריקער פון איין זייט און גרינבוים, גאלדמאן און סאלאווייטשיק פון דער אנדערער זייט. דער הויפט־פונקט אויף וועלכען עס איז געגאנגען דער קאמף איז געווען די פראגע וועגען צוטריט קאמיטעט פאר ווייצמאנען, עס איז געווען אפילו א מאמענט, ווען אינזש. שטריקער האט געדראהט צו פערלאזען דעם קאנגרעס.

נאכמיטאג איז דערגרייכט געווארען א פערשטענדיגונג און עס איז אויסגעארבייט געווארען א געמיינזאמע רעזאלוציע.

די רעזאלוציע דריקט אויס אונצופרידן דער איצטיגער אנפיהרערשאפט פון דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג און פערלאנגט א ענדערונג פון קורס און אנפיהרונג פון דער לייטונג.

די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען איינשטימיג.

עס איז אויך אנגענומען געווארען א רעזאלוציע צו שאפען א צענטראל־ביורא פון די ראדיקאלע ציוניסטען אין בערלין, דאס ביורא וועט אנגעפיהרט ווערען דורך ד"ר גאלדמאן און ד"ר סאלאווייטשיק.

אין דעם צ.ק. וואס איז אויסגעוועהלט געווארען זענען צווישען אנדערע אריין דעפ. גרינבוים, אינזש. שטריקער און שטערן פון רומעניע.

עס איז אויך בעשלאסען געווארען אהערצופיהרען א אוניפיקאציע פון די ראדיקאלע ציוניסטען אין פוילען.

די שלוס־רעדע פון קאנגרעס האט געהאלטען ד"ר סאלאווייטשיק.

מארשאל פילסודסקי וועט נישט האלטען קיין רעדע

אויפ'ן לעגיאניסטען-צוזאמענפאהר אין ראדאם

ווארשא. 14. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). די לייטונג פון דער סאנאציע האט היינט פערעפענטליכט דאס אפיציעלע פראגראם פון דעם לעגיאניסטען־צוזאמענפאהר אין ראדאם.

פון פראגראם איז צו זעהען אז מארשאל פילסודסקי וועט אויפ'ן צוזאמענפאהר נישט ארויסטרעטען מיט קיין רעדע. עס וועט נאר פארקומען א דעפילאדע פון די אנטיילנעהמער פון קאנגרעס פאר מארשאל פילסודסקי.

מיט רעדעס אויפ'ן צוזאמענפאהר וועלען ארויסטרעטען פרעמיער סלאוועק, גענעראל גורעצקי און גענעראל רידז שמיגלי.

רעזולטאט פון די סיים־וואהלען אין קאוועל און שוויענציאני

קאוועל, 14. (ספ. טעל.) דער פראוויזארישער רעזולטאט פון די וואהלען אין קאוועל — וולאדימיר וואלינסק און הארבאשאו איז פאלגענדער:

אויף 225.716 וואהל־בערעכטיגטע האבען געשטימט 40.226.

0 אויף דעם אוקראינישען סעלראב איז געפאלען 67 שטימען. אויף דער ליסטע 18 פון בלאק פון די נאציאנאלע מינדערהייטען 10.390 שטימען — 1 מאנדאט. אויף דער ליסטע 20, רוסישע 46 שטימען, אויף דער ליסטע 33 (אגודה) 8 שטימען, ליסטע 36 (ארבייטער און פויערים־בלאק, קאמוניסטען) 28,498 שטימען — 4 מאנדאטען. אויף דער ליסטע 37 (אוקראינישע ליסטע) 12 שטימען.

געשטימט האבען 18 פראצענט פון די וואהל־בערעכטיגטע.

ווילנא, 14. (ספ. טעל.) ביי די וואהלען צום סיים אין שוויענציאני, בראסלאוו — דויסנא — פאסטאווי איז אויף 249.020 שטימבערעכטיגטע אפגעגעבען געווארען 67.257 ד.ה. 27 פראצענט פון די וואהל־בערעכטיגטע. 8.980 שטימען אויף די ליסטעס 13 און 47 זענען געפסלט געווארען. דער פראוויזארישער רעזולטאט איז פאלגענדער:

ליסטע נומער 2 (פ.פ.ס.) 6.600 שטימען — 1 מאנדאט, ליסטע נומער 4 (בונד) 73 שטימען. ליסטע 10 (פויערים־פארטיי) 21.630 שטימען 3 מאנדאטען. ליסטע 18 (בלאק פון די נאציאנאלע מינדערהייטען) 12,379 שטימען — 1 מאנדאט. ליסטע 20 — 259 שטימען. ליסטע 24 — (נ.ד.) 11.602 שטימען 1 מאנדאט. ליסטע נומער 3 (וויזוד־) 5439 שטימען.

קופאן 9

דריטע סעריע

פון גרויסן פרעמיען-קאנקורס

פון „נייעם פאלקסבלאט"

כדי זיך צו באטייליגען אין דער 3. סעריע פון פרעמיען-קאנקורס, איז גענוג צו צושטעלען בלויז 20 קופאנען

שנייד אוים דעם קופאן!

דער לופט-פליה ענגלאנד — אויסטראליען זיך פערענדיגט מיט א קאטאסטראפע

דער עראפלאן צושמעטערט, איין פליהער דערהרגעט

לאנדאן, 14. (ספ. טעל.) פון האנגקאנג מען מודיע, אז קיין קראם איז אנגעקומען מאטיס, איינער פון די צוויי פליהער, וועלכע זענען מיט צען טעג צוריק אוועקגעקומען. ביידע פליהער האבען אונטערגענומען א לופט־פליה־רייזע פון ענגלאנד קיין אויסטראליען.

מאטיס האט ערקלערט, אז זייער עראפלאן איז בעת א שטורעם צוקלאפט געווארען און זיין חבר הוק איז אין צושטאנד פון גסיסה געבליבען אויפ'ן ארט פון דער קאטאסטראפע.

ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז.

צוליב דעם 26-טען יאהרצייטס-טאג פון גרויסען ציוניסטישען פיהרער

בנימין זאב ב"ר יעקב ד"ר טעאדאר הערצל ז"ל

קומט פאר היינט, דינסטאג, דעם 15/7, 8,30 אווענד אין לאקאל פון דער ציונ. ארג. ציגעל-גאס 4, א גרויסע פערזאמלונג געווידמעט דעם אנדענקען פון פערשטארבענעם. מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען: רעד. י. אונגער און ה' משה לימאן.

איינגאנג פריי!

מארגען מיטוואך, כ' תמוז, 8—9 א זייגער פרי'ה ביים דאווענען הזכרות אין די שוהלען פינקטליך 10 א זייגער פרי'ה פייערליכע הזכרה אין דער סינאגאגע אויף אלעיא קאשטשושקי.

שטאטיש טעאטער

ציגעל=גאס 63.

יאר XV.

אנפ. מ. מואה.

ג אסטראלן פון דער ווילנער טרופע

היינט, דינסטיק, ד. 15 יולי, 8,45 אוונט, צו ביליקע פרייזן פון 50 גר. ביז 3,50

באנאכט אויפן אלטן מארק

פון י. ל. פרץ.

מארגן, מיטוואך, 16-טן יולי

א מעשה מיט הערשעלע אסטראפאליער פון משה ליפשיץ.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש 20

דאנערשטיק, ד. 17-טן ד. ח. 8 אוונט קומט פאר

א פארלעזונג פון ח' יעקב פאט

נאך זיין צוריקקומען פון אמעריקא א. ד. ט.

„פון יענער זייט ים"

(לעבן, קאמף, און בענקשאפט פון די יודישער ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקא).

בילעטן צום פרייז פון 50, 75 און 1 גילדן שוין צו באקומען אין „ארב. ווינקל" און אין טאג פון דער פארלעזונג ביי דער קאסע פון פילהארם.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען ביילייד דער פאמיליע בראנד צוליב דעם פליצלינגען טויט פון זייער הייסגעליבטען און נישט פערגעסענעם מאן און פאטער

אליעזר נ"ע

משה רובינשטיין און פרוי

אמטונגס-פערשפרייטער.

SARA MIOTEŁKA

HENRYK GOLDBERG

ZARĘCZENI

Łódź, w Lipcu 1930 r.

DR. MED.

A. URYSON

מינערליכע קראנקהייטען

נעהמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.

Konstantynowska 28, telef. 35-65.

שוהל „שערי ציון" ביי „בני ציון", רזשגאווסקא 7 ראיאן פון גייערס מארק

היינט דינסטאג, אור ליום כ' תמוז, 8 אווענד קומט פאר אין דער שוהל „שערי ציון" (רזשגאווסקא 7)

א פייערליכע הזכרה

צוליב דעם יאהרצייט פון גרויסען ציוניסטישען מנהיג

ר בנימין זאב ד"ר טעאדאר הערצל ז"ל

די הזכרה וועט אבריכטען דער חזן ה' אהרן ליגארסקי.

די פרייער-רעדע וועט האלטען דער בעקאנטער מטיף ה' אהרן לובאשיצקי.

לעזט און פערשפרייט דאס 5-גראשן-בלאט

דער אנטיסעמיטישער פראָפ. קוזא ארעסטירט

ענערגישע שריט פון דער רומענישער רעגירונג צו בעקעמפן דעם אנטיסעמיטיזם

בוקארעשט, 14 [ספ. טעל.] אין שייכות מיט דער לעצטער ערקלערונג פון קעניג קאראל, אז עס וועלן אנגענומען ווערן מיטלען צו מאכן א סוף מיט דער פאגראם-בעוועגונג אין רומעניע איז מען מודיע, אז דער בעקאנטער אנטיסעמיטישער פראפ. קוזא, וועלכער פירט אן מיט דער אנטי-יידישער העצע איז ארעסטירט געווארן. עס זענען אויך ארעסטירט געווארן איינע פאליצײ-שעפן, וועלכע האבן זיך נישט ענערגיש אקעגענגעשטעלט די פאגראמטשיקעס.

דער גוזע-מיניסטער פון אינערן אנגעלעסקו האט ערקלערט, אז עס וועלן אנגענומען ווערן ענערגישע שריט צו בעקעמפן מיט אלע מיטלען די פאגראם-ערשיינונגען אין רומעניע.

ווער איז שולדיג אין דער שרפה אין בארשא?

בוקארעשט, (יט"א) די פראגע וועגן די סיבות פון דער שרעקליכער שרפה אין בארשא (קרייז מאראמאראש) האט אויפגערודערט די רומענישע פרעסע און די פארטשריטליכע עפענטליכע מיינונג. די רומענישע רעגירונג האט תיכף נאך דער שרפה פער עפענטליכט א קאמוניקאט אז דאס פייער איז אויסגעבראכן צוליב אומפארזיכטיגקייט אין הויז פון ארטיגן יידישן אייננוואוינער ד"ר סאלאמאן, דער לעצטער לייקנט עס אפ, ערקלערענדיג, אז דאס פייער איז אויסגעבראכן גלייכצייטיג אין פיל הייזער. דאס זעלבע בעשטעטיגן אנדערע עדי-ראיה. עס ווערט אויך פעסטגעשטעלט, אז הייזער פון בעקאנטע קריסטן אין שטעטל זענען געבליבן גאנץ. בעת די ארומיגע יידישע הייזער זענען אינגאנצן אוועק מיטן פייער. די בארשער יידן שטעלן פעסט, אז עטליכע וואכן פאר דער שרפה האט מען פון יידישע זייט דער פראקוראטור געווארנט און וואנאר פארגעשטעלט א שריפטליכן טעמאראנדום וואס די אנטיסעמיטן גרייטן זיך אונטערצוצינדן דאס יידישע שטעטל. „ארוועריל" און „לופטא" פאדערן, אז די רעגירונג זאל אונטערנעמען א נייע אויספארשונג אין דער פראגע, ווייל פון איהר אויסגאנג איז אפהענגיג דער פרעסטיזש פון רומעניען אין אויסלאנד. די צייטונגען פאדערן אז עס זאל בעשטימט ווערן א נייטראלע אויספארשונגס-קאמיסיע, און די שולדיגע זאלען בעשטראפט ווערן.

טשערנאוויץ, (יט"א) דאס „טשערנאווי־צער וואכענבלאט" טיילט מיט אז פון די בראנד־ווא־נדרען, וואס עס האבן בעקומען פערשיידענע פער־וואונדן בעת דער שרפה אין בארשא זענען ביז־איצט געשטארבען פינף יודען.

70 פערזאנען דערהרגעט געווא־רען בעת א שטורם אין קארעא

טאקיא, 14. (א.ט.א.) לויט אפיציעלע ידיעות איז אין קארעא אין דער אומגעגנד פון דער הויפטשטאט סעאל אדורך א געוואלדיגער ווירבעל־שטורעם, זיבעציג פערזאן זענען דערהרגעט געווא־רען, נאך 35 זענען אומגעקומען. איבער 5טויזענד פאמיליעס זענען געבליבן אהן א דאך איבערן קאפ.

דער געוועזענער גריכישער דיקטאטאר פערמשפט

אויף צוויי יאהר תפיסה

פאריז, 14 [ספ. טעל.] פון אטען מעלדעט מען, אז דער געוועזענער גריכישער דיקטאטאר פאנגאלאס איז פערמשפט געווארן אויף צוויי יאהר תפיסה. פאר שליסן אפמאכן מיט ליפעראנטן פאר דער ארמעי.

„מיט ווישליצקין פון איין זייט און לובא־מירסקין פון דער אנדערער זייט

קען מען זיך נישט סאלידאריזירען"

רעפ. טשעפלאקס ענטפער אויף טאמאשקעוויטש'ס אפענעם בריף

לעמבערג, 14. (טעלעפאניש). די היינטיגע „גאזעטא פאראננא" פערעפענטליכט א בריף פון רע־פוטאט טשעפלאק וועלכער איז ארויסגעטראטען פון ב.ב.־קלוב, דער בריף איז אן ענטפער דעם רעפ. טאמאשקעוויטש אויף זיין אפענעם בריף און קלערט אויף פארוואס טשעפלאק איז ארויסגעטרא־טען פון ב.ב.־קלוב.

רעפ. טשעפלאק דערצעהלט אז אונטער'ן פאר־ווק פון רעפ. בציקא זענען פארגעקומען בעראטונ־גען פון דער פויערן־גרופע וואס געהערט צו דעם ב.ב.־קלוב. עס איז איינשטימיג בעשלאסן געווא־רען צו פראטעסטירען נעגען דער פאליטיק, וואס עס פיהרט דאס פרעזידיום פון קלוב בנוגע די פויערען און דעמאקראטישע מאסען, און עס איז אויך גע־פאדערט געווארן, אז די פויערן־דעפוטאטען אין ב.ב. זאל געגעבן ווערן פרייע הענד. עס איז בעשלאסן געווארן ארויסצוטרעטען פון ב.ב.־קלוב אויב די פאדערונגען וועלען נישט נאכגעגעבען ווערען.

5 אלס ענטפער דערויף איז פון קלוב בעזייטיגט געווארן דער פויערן־דעפוטאט קריסא און צוליב דעם איז רעפ. טשעפלאק ארויסגעטראטען פון קלוב.

רעפ. טשעפלאק ערקלערט אויך אין זיין בריף, אז ער האט אין זיין צייט זיך אפגעזאגט אונטער־צושרייבען די רעקלאראציע וואס מען האט פארגע־לעגט יעדען קאנדידאט פון ב.ב.־קלוב פאר די וואה־לען, ווייל ער האט געהאט ספקות „צי מיט ווישליצקין פון איין זייט און לופאמירסקין פון דער אנדערער זייט, זאל ער זיך קענען אויפריכטיג סאלידאריזירען." „איבריגענס — שרייבט רעפ. טשעפלאק — ווייסט איהר דאך, אז נישט לאנג צוריק איז אויפ'ן וואק־זאל, ביים שפילען די ערשטע בריגאדע נישט געווען קיין סאלידאריטעט צווישען מיר און דעם פירשט לופאמירסקי, ווען די פריינד פון פירשט האבען פראטעסטירט געגען דעם שפילען פון „דער ערשטער בריגאדע" אגרופענדיג דאס פראוואקאציאנע.

רעפוטאט טשעפלאק פערענדיגט זיין בריף, אז אין ב.ב.־קלוב האט איינער צום צווייטען נישט קיין צוטרוי, איינער איז דעם צווייטען חושד און יעדע גרו־פע טרייבט פאליטיק אויף איהר אייגענער האנד.

20 פערזאן שווער פערוואונדעט

בעת א טראמוויי־קאטאסטראפע

פאריז, 14 [אטא] נעבען ראאן איז שבת פאר־געקומען א שווערע קאטאסטראפע. צוויי טראמוואיען וואס זענען געפאהרען פון ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען זענען מיט דער גאנצער קראפט ארויפגעפאהרען איי־נער אויפ'ן צווייטען.

20 פערזאן זענען שווער פערוואונדעט געווארן.

גראנדיעזע ספיריטיסטישע זיצונג לכבוד קאנאן דויל'ן

לאנדאן, 14 [אטא] אין אלבערט־האל איז שבת פארגעקומען לכבוד דעם אנדענקען פון קאנאן דויל די גרעסטע ספיריטיסטישע זיצונג, וואס איז נאר ווען קיין פלאץ. אויף דער טריבונע נעבען דעם בעטייליגט 10 טויזענד פערזאן. א סך הונדערטער האבען געמוזט אוועקגעהן, ווייל עס איז שוין נישט גע־ווען קיין פלאץ. אויף דער טריבונע איז נעבען דעם לייגען פלאץ פון קאנאן דויל איז געזעסען די אלמנה און די צוויי זוהן פון פערשטארבענעם.

די זיצונג איז בעשטאנען אין מיטיילונגען פון קא־נאן דוילס מעדיום. די גרעסטע סענסאציע האט ארויס־גערופען בעת דער מעדיום האט איבערגעגעבען א ידיעה פון פערשטארבענעם צו זיין פרוי.

די פויערן־דעפוטאטען פון ב. ב.־קלוב

טרעטען אריין אין דער פויערן־פארטיי

ווארשא, 14 [טעלעפאניש פון אונזער קארעס־פאנדענט]. פון דער סאנאציע ווערט וואהרשיינליך איז די נאהענטסטע טעג וועלען ארויסטרעטען א ריהע פויע־רען דעפוטאטען.

די אלע ארויסגעטרעטענע וועלען צוזאמען מיט רעפ. טשעפלאק אריינטרעטען אין דער פויערן־פארטיי.

שפיאנאזש־פראצעס אין לעטלאנד

אורטייל איבער 14 בעשולדיגטע

פון ריגע מעלדעט מען,

דאס מיליטערישע געריכט אין ריגע האט בעהאנ־דעלט דעם פראצעס געגען 14 בעשולדיגטע אין גע־הערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי און אין פירען שפיאנאזש אין לעטלאנד ווי אויך אויספיהרען פערשידענע אנפאלען אויף דער לעטלאנד־סאוויעטי־שער גרעניץ.

דאס געריכט האט פערמשפט די בעשולדיגטע אין ארגאניזירען די גרעניץ־אנפאלען, דעם הייסינ־ערהויגען אלעקסי כריסטאפאראוו אויף 15 יאהר שווע־רע תפיסה, יאן פריימאן און עמיליא עשקעוויטש אויף 8 יאהר, די בעשולדיגטע צו 4 יאהר שווערע תפיסה יעדען. די 65־יעהריגע אננא זאקים, וועלכע האט געהאט ביי זיך אין שטוב א לאגער מיט קאמוניסטישע ליטע־ראטור אויף א יאהר פעסטונג.

די אוקראינער אין אמעריקא שאפען א ארמעע צו בעפרייען אוקראינע

די ארמעע זאל ארויסגעזעצט ווערען אין די פארטען פון שווארצען ים און וועט אנהויבען א אקציע געגען סאוויעט־רוסלאנד

פאריז, 14. (א.ט.א.) לויט ידיעות פון דער פאריזער עמיגראנטען פרעסע פון ווינ׳פעג האט זיך דארט געגרינדעט א ליגע צו בעפרייען אוקראינע. צו דעם צוועק ווערט ארויסגעגעבען א ספעציעלע צייט־טונג, וועלכע פיהרט א פראפאגאנדע צווישען די 450,000 אוקראינער אין קאנאדע. די ליגע האט זיך געשטעלט דעם ציל צו שאפען אין קאנאדע און די פעראייניגטע שטאטען א נאציאנאלע ארמעע און די דרייסיג טויזענד טיטגלידער פון די אוקראינישע בטי־ליטערישע פערבאנדען צו פערוועהן מיט ארטילעריע און מאשינען־געוועהרען.

די ארמעע זאל בעטרעפען אכציג טויזענד מאן. לויט א נישט־בעשטעטיגטע ידיעה פון ניו־יארק זאל דער גענעראל־שטאב פון דער ארמעע זיך גע־פינען אין די הענד פון ענגלישע אפיצירען. 3

עס ווערט געפלאנט די ראיגע ארמעע אין א געאייגנעטען מאמענט ארויסצוזעצען אין ארעם אין אנדערע פארטען פון שווארצען ים, און פון דארט אויס אנצופיהרען מיט דער אקציע געגען סאוויעט־רוסלאנד.

די געביטען פון סאוויעט־רוסלאנד, פוילען און רומעניען וועלכע זענען בעוואוינט פון אוקראינער וא־לען אפגעריסען ווערען. און עס זאל פון זיי געשאפען ווערען א גרויסע אוקראינישע מלוכה.

ווי אזוי לובלינער שפייז־קרעמער קעמפען געגען נישט ערליכע קונים

כאראקטעריסטישע „שטעק־בריף" און א „שווארצע ליסטע"

„לובלינער טאגבלאט" גיט איבער וועגן פאל־גענדע כאראקטעריסטישע איינפיהרונג:

די לובלינער שפייז־ און קאלאניאל־קרעמער האבען בעשלאסען צונויפצושטעלען „א שווארצע ליסטע" פון די ווייבעלעך, וועלכע נעהמען אן אויף באָרג, כלערליי שפייז־פראדוקטען, בעצאהלען נישט און טראגען זיך אלע מאל איבער אין פרישע קו־מען, ביז וויסער צו פונען דאס זעלבע.

נעכטען, דעם ערשטען טאג: ווי די שפייז־ און קאלאניאל־ קרעמער האבען אנגעהויבען נאכיאגען די וואכעלע בעל־הבית'טעס מיט דער „שווארצער ליסטע" איז מיר געלונגען צו בעקומען עטליכע אזעלכע „שטעק־בריף", וואס איין קרעמער שיקט איבער צום אנדערען מיט אנאווייזונג, ווער עס זענען די וואלע ווייבעלעך פון זיין חוב, וועלכע האבען ליב צו לאזען געשוואלען ווערען דאס בוך פון קרעמער.

אט איז דער אינהאלט פון די „שטעק בריף".

1) חנה די קלעזמערקע פון 2־טען שטאק, אנגעבארגט א האלבען קילא צוקער, א בעזים און פונף קילא קארטאפעל, מעהר זעט איך איהר נישט פאר די אויגען.

2) שרה'קע פון דער פאציאטקע, געבארגט 5 רעקא קרישטאל, א האלב פעקעל ציקאריע, א פינטעל ריבען, צוגעזאגט „שפעטער" צו בעצאהלען „צוזאמען" און מאכט זיך פערגעסען אין חוב.

3) סטעפקע די בוכהאלטעראווא נעהמט אויפ'ן בוך א גאנצען חודש, טרייסט תמיד מיט'ן 1־טען ווען איהר מאן וועט אפנעהמען פענסיע און עם קומט דער 1־טער שווערט זי מיט טרעהרען, אז עם פעהלט איהר נאך צו צום דירה־געלד און „וואס זאל זי טוען"?

4) די פאני לאקציאווא, א מאנופאקטור־סוחר'טע, אנ'עבירה איהר אריינצולאזען איבער דער שוועל פון געוועלב, קוקט אויף די שענק און זעך און עסט אלץ מיט די אויגען, גלייך זי וואלט שוין לאנג א וואך מיטאג נישט אפגעגעסען. צו אלץ האט זי חשק, די קינדער האבען עס ב"ת אפעט'ט, דאס בוך איז שוין פון לאנג פאר איהר פערשלא־סען, ווייל זי האט געצאהלט מיט „קינדערישע וועק־סעלעך" און טענה'ט, אז דאס האט מען איהר געצאהלט פאר זייגעס מיט אזעלכע וועקסעלעך.

5) שרה'קע די תבואה סוחר'טע, האט א טבע צו הייסען אפוועגען און אפמעסטען, דערנאך כאפט זי זיך, אז זי האט פערגעסען דעם טאש אויפ'ן טיש, גלויבט איהר נישט, איהר מאן איז א דאזאר. א זעהר געפערליכער טיפ. טראגט א מטול'יש

6) די פאני לארבערקראנץ פון 1־טען שטאק. היטעל, (איבערגעמאכט פון איהר באבעס אנ'אלטען זיידענע וועסעצל) אפגעשטשקעוועט און אפגע־פארבט פנים, ליפען און ברעמען, א פיינעם טאש אין האנד (נאך איהרס א כלה־מתנה) אנ'עלעגאנ־טען אויבער מאנטעל, (איבערגעמאכט פון פאר צוויי יאהר), רעדט מיט א שמייכעלע, מאכט דעם אנשטעל, אז עם איז איהר וואויל און גוט, טאנצט אונטער געהענדיג אויפ'ן טראטואר, באמת אבער איז דאס א געפעהרליכע קבצנטע, איהר מאן האט געבעך א קראם אויף לובארטאווסקא. (דער פא־טער — א געשעפט אויף קראקאווסקא, דער שווער — א געוועלב אויף קרולעווסקא, געפעהרליכע מענ־שען. מ'ווייסט דערפון אין ווארשא. די פאני לארבערקראנץ האט אמאל געגעבען א סך צו לייזען, היינט קויפט זי פאר גראשענם און בלייבט שולדיג. די בעסטע זאך מיט אזעלכע נישט איינצוגעהן.

אט אזוי זעהען אויס די בעל־הבית'טעס, וועל־כע די קרעמער, האבען נעכטען אנגעהויבען יאגען מיט „שטעק־בריף" ווי אמת'ע פערברעכערינס.

פעטיציע פון ענגלישע שריפטשטעלער

וועגען ערלויבען טראצקין זיך צו בע־זעצען אין ענגלאנד

לאנדאן, 14 [ספ. טעל.] טראצקי, וועלכער גע־פינט זיך ביז איצט אין טערקיי און האט שוין פיל מאל געפרובט צו בעקומען אנ'ערלויבעניש אויף בעזעצען זיך אין פערשידענע לענדער פון איראפע האט נאך נישט פערלוירען די האפנונג אזא ערלויב־פערלוירען די האפנונג אזא ערלויבניש צו בעקומען־ניש צו בעקומען.

לעצטענס בעמלדט זיך טראצקי ווידער צו בעקו־מען א וויזע קיין ענגלאנד. עם העלפען איהם דערין א ריהע ענגלישע שריפטשטעלער.

א גרופע ענגלישע שריפטשטעלער זאמלען איצט אונטערשריפטען אויף א פעטיציע צו דער ענגלישער רעגירונג מודה ערלויבען טראצקין זיך צו בעזעצען אין ענגלאנד.

די מעכאנישע
שלאסעריי און שווייסעריי
פיהרט אויס זעמטליכע מאשין־רעפע־
ראטורען, שווייסונגען, צוזאמסונג פון
מאשינען־טיילען מיט גאראנטיע און
:־: געגען ביליגען פרייז :־:
J. REDER, Łódź
11 קאנסטאנטינער 11 (רוג זבכאדניס)
פריוואט־וואוינונג: גדאנסקא 20.

מיר באדען זיך אין געלד

מיר באדען זיך אין געלד. דער עולם קרעכצט, דער עולם זיפצט, דער קריזיס וואקסט, נישטא קיין פרנסה. גלייכצייטיג הערט מען פון אלע זייטען, אז מיר באדען זיך אין געלד, די בענק האבען ליגען אוצרות מיט געלד, די שפאר־קאסע פון דער רעגירונג, בעריהמט זיך, אז זי ווערט פערפליצט פון געלד, אז דער עולם טראגט קאפיטאל אין דער קאסע און אויב מען טראגט געלד איז דאך א סימן, אז דער עולם שפארט, אז מען לעבט און מען לייבט, אז נישט נאר מען האט גענוג אויפ'ן לויפענדען געברויך, נאר מען האט נאך געלד אויך אפצולייגען, אפצושפארען.

וואס קומט דא אזוינס פאר? וואס פאר א שד טרייבט דא מיט אונז א בלוטיגען שפאס. פון איין זייט קריזעלט זיך און פון דער צווייטער זייט איז נישטא וואוהין דאס געלד אהינצוטון? עס שיינט, אז מיט דער געלד צירקולאציע אין לאנד קומט פאר דאס זעלבע, וואס מיט דער פראדוקטען־צירקולאציע. פונקט אזוי ווי דער געוואלדיגער זול אין לאנד איז געווען א סיבה פון קריזיס, מיר האבען געהאט צופיל פראדוקטען און מיר האבען נישט געהאט וואו אהינצוטון. קיין ארויספיהר איז נישט געווען, ממילא איז נישט געווען קיין האנדעל, דער פויער האט פאר זיין פראדוקט ניט בעקומען דעם נויטיגען עקוויוואלענט פון שטאטישע אויסארבייטונגען. ס'האט איהם נישט געטראגען דעם נויטיגען ריוח און אויב דער פויער האט נישט געהאט, האט ממילא אויך די גאנצע בעפעלקערונג גאר נישט געהאט. דאס זעלבע קומט איצט אויך פאר אויפ'ן געלד־מארק, מיט דעם אונטערשיד, וואס דעם פויערס פראדוקטען וואקסען און געלד וואקסט נישט.

פון וואנען נעהמט זיך דער געלד־צופלוס אין די בענק. פון וואנען בעקומט די שפאר־קאסע אזעלכע גרויסע קאפיטאלען? דאס זענען נישט קיין געלדער, וואס מענשען האבען אפגעשפארט פון דער לויפענדער הוצאה, דאס איז נישט דער איבער־פלוס פון נויטיגען קאפיטאל, וועלכער ווערט אפגעפיהרט אין די בענק, עס איז נישט דער איבער־פלוס וואס ווערט לאקירט אויף קליינע אבער זיכערע פראצענטער, נאר דאס איז טאקע דער קאפיטאל גופא, דאס איז דער קרן, וועלכען מען פרובט אויף דעם אופן נאך ראטעווען.

אויב עס זאל זיין מעגליך א סטאטיסטיק פון די קאפיטאלען, וואס ווערען אריינגעלייגט אין די בענק, אין דער שפאר־קאסע וואלט מען געוואהר געווארען, אז 90 פראצ. פון די קאפיטאלען שטאמען פון מענשען, וואס האבען שוין געענדיגט דעם חשבון, מענשען, וואס זענען אראפ פון פלאן, ביי דער קאטאסטראפע האבען זיי געראטעוועט א קליינע סומע, נאך דער שריפה איז זיי געבליבען א קליינער קנעפעל און אט דעם שארית הפליטה ראטעווען זיי און לייגען עס אוועק אויף א זיכערען ארט אין באנק, פריוואט פערלייהען האט מען היינט מורא, ווייל עס זענען נישטא די זיכערע קליענטען אדער זיי זענען דא זעהר ווייניג, אז מען צופרידענען מען קען עס אפגעבען אין באנק, זאל זיין אויך קליינע פראצענטער אבי דער קרן זאל בלייבען זיכער, ביי לייטען, זאגט מען, איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט, דאס מען צאהלט נאך צו די בענק אבי זיי זאלען צונעהמען דאס געלד און עס היטען.

אט אזוי זעהט עס אויס מיט'ן געלד־איבער־פלוס אין לאנד. עס איז אן איבערפלוס הערפאר, ווייל עס איז בכלל נישטא מיט'ן געלד וואס צו טון. ווייל אלע געשעפטען האבען זיך אפגעשטעלט, מיר זענען באנקראט און מיר טראגען דעם שארית־הפליטה אין דער שפאר־קאסע, מיר מיינען צו ראטעווען דעם רעשט פון אונטערגאנג.

מיר האבען א זול אויף געלד אזוי ווי מיר האבען געהאט א זול אויף לעבענסמיטעל. ביידע זענען נישט נארמאל, ביידע זענען אונגעזונדטע ערשיינונגען. עס איז אבער פערהאן א טיפער אונטערשיד צווישען די ביידע. אין דער צייט, וואס ביי לעבענסמיטעל איז עס נאר א פראגע פון קאניונקטור, פון האנדעלס־בעציהונגען. עס וועט קומען די פרישע תבואה, עס מעג זיין די גרעסטע גערעטעניש, מיר וועלען אבער האבען וואס צו פערקויפען און דער בילאנס וועט זיין א פאזיטיווער, איז אבער מיט'ן געלד־מבול די לאגע א פיל ערגערע. געלד וואקסט נישט. אדרבא, עס האט די טענדענץ זיך צו פערמינדערען. דאס וואס מען האט פערלוירען און דער אויפגעגעסען קומט נישט מעהר צוריק. און אויב דער מבול וועט נישט אויפהערען, ד. ה. אויב דער עולם וועט ווייטער נישט האבען, וואס צו טון מיט'ן געלד, אויב די איינציגע רעטונג פאר'ן קאפיטאל ער זאל אינגאנצען נישט צושמאלצען ווערען, וועט זיין די שפאר־קאסע, איז שלעכט מעהר שלעכט.

ש. י. סטופניצקי

בעריכט פון דער מאנדאטען־קאמיסיע וועגען די א״י־געשעהענישען פון אויגוסט 1929

לאנדאן, (יט״א).

דער „דיילי טעלעגראף" פערעפענטליכט פאלגענדע ווייטערע פרטים וועגען דעם בעריכט פון דער מאנדאט־קאמיסיע, וואס איז אין דער א״י־פראגע צוגעגרייט געווארען פאר דעם ראט פון פעלקער־בונד:

די מאנדאט־קאמיסיע האלט, אז די הויפט־סיבה דערפון, וואס די אויגוסט־אונרוהען האבען זיך אזוי פערשפרייט און געהאט אזעלכע ערנסטע קאנסעקווענצען, איז געווען דאס, וואס אין א״י איז געווען ווייניג מיליטער און פאליציי־קרעפטען. די א״י־רעגירונג איז נישט געווען ענטשפרעכענד צוגעגרייט אויפ'ן פאל פון אונרוהען. די קאמיסיע האלט, דאס מען קען נישט בעטראכטען די אונרוהען אלס פלוצלינג־אויסגעבראכענע אין א שטילער פאליטישער אטמאספער. פאר'ן אויסברוך פון די אונרוהען האט זיך אפגעשפילט א סעריע וואהרנענדע אינצידענטען, אין צענטער פון וועלכע עס זענען געשטאנען די געשעהענישען ביים כותל־מערבי.

דער שטרייט ארום כותל־מערבי האט זיך ענטוויקעלט צווישען דער יודישער בעפעלקערונג און האט אנגעשטעקט אין א גרויסען טייל פון א״י א מצב פון נערוועזיטעט און געשטייגערטער ליידענשאפטליכקייט, וואס האט צו יעדער צייט געקענט גורם זיין דעם אויסברוך פון געוואלטטאטקייט. נישט קוקענדיג דערויף, וועגען געמאכט געווארען געוויסע בעווארענישען אין דער פראגע פון א פרעמעדיטירטען אויסברוך, איז די מאנדאט־קאמיסיע נישט איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון דעם פערציהענדען שטאנדפונקט, אויף וועלכען די מעהרהייט פון דער שאו־קאמיסיע האט זיך געשטעלט לגבי דער שטעלונג פון די אראבישע לידער.

די מאנדאט־קאמיסיע מיינט, אז עס איז קוים צו בערעכטיגען די בריטישע דעקלאראציע, אז די פאלעסטינא־בעוועגונג איז נישט געווען געזונדערט געגען דער בריטישער מאכט. עס איז קיין ספק נישט, אז די אראבישע אנגריפען זענען געווען געווענדעט בלויז געגען די יודען, אבער די עמפינדליכקייט פון די אראבער, וואס האבען זיך אין די אנגריפען בעטייליגט, האט געצויגען איהר יניקה פון די פאליטישע בעדינגונגען. פאר די היינטיגע בעדינגונגען האבען די אראבער געמאכט פעראנטווארטליך די יודען, וואס זענען פעראנטווארטליך אין דער אויספיהרונג פון מאנדאט — און קודם כל די בריטישע רעגירונג. אלע אראבישע דעמאנסטראציעס (פון די לידער און געזעלשאפטען) האט עס קלאר געמאכט, אז אין דער אראבישער בעוועגונג עקזיסטירט א טענדענץ געגענצושטעלען זיך דער מאנדאט־מאכט אלס אזעלכער.

די בריטישע רעגירונג האט געוואלט אנהויבען אן אקציע פאר סעפטעמבער 1929. די מאנדאט־רעגירונג איז מסכים מיט'ן שטאנדפונקט פון דער שאו־קאמיסיע, אז דער געמיט־צושטאנד, וואס האט עקזיסטירט אין פאלעסטינא, איז געווען געפעהרליך דורך די ספר״ד־דיגער פראפאגאנדע אין דער לאקאלער, און קודם־כל אין דער אראבישער פרעסע. די אדמיניסטראציע האט אבער אין דער הינזיכט נישט שטענדיג צו דער רעכטער צייט געמאכט געברויך פון דער מאכט, וואס זי האט פערמאגט אין איהר האנד. דאס פרעסע־געזעץ ערלויבט צו אינטערדריקען פובליקאציעס פון אויפרייצענדער נאטור.

אין פיל הינזיכטען איז די א״י־רעגירונג געווען מיט איבעראשונג געטראפען פון די געשעהענישען. דער פאקט, וואס די לאקאלע אדמיניסטראציע האט ארויסגעוויזען וואקלענישען אין דעם פעריאד, לאזט זיך ערקלערען בלויז דערמיט, דאס די געשעהענישען זענען אנגעטראפען אויף א פולשטענדיג אונפארגעגרייטע אדמיניסטראציע.

די מאנדאט־קאמיסיע איז נישט ביכולת צו בעהאלטען איהר בעדויערן, דאס אין געוויסע הינזיכטען האט די מאנדאט־מאכט ביז איצט נישט אויסגעפיהרט די אלגעמיינע בעשטימונגען פון מאנדאט. עס צילט געגען איהר דער פארוואורף, דאס זי האט נישט אויסגעפיהרט איהר פליכט צו העלפען אויפריכטען א נאציאנאלע היים פאר יודען. זי האט פערפעהלט צו זיכערען די וויכטיגע בעדינגונגען פאר דער ענטוויקלונג פון א נאציאנאלען צענטער פאר דער יודישער ראסע — די זיכערקייט פון לעבען און אייגענטום.

האבענדיג פאר זיך א יודישע געמיינשאפט וואס איז גוט ארגאניזירט און פערמאגט בריטישע פינאנציעלע מיטלען, האבען די נישט־ארגאניזירטע אראבער, הערצו אהן פינאנציעלע רעסורסען, געהאט גענוג גרונד צו האבען ערנסטע ספקות וועגען זייער עקאנאמישען עתיד, זייערע אינטערעסען האבען געדארפט געשיצט ווערען דורך א לאנדווירטשאפטליכער פאליטיק, אדער דורך דער איינשטעלונג פון עפענטליכע ארבייטען, וואס איז בעשטימט צו ענטוויקלען די קולטורעלע הילפס־קוועלען פון לאנד. דאס וואלט זיי געבראכט צו שעצען זייערע מעגליכקייטען און וואלט פערשפרייט צווישען זיי דעם בעוואוסטזיין וועגען מאטעריעלע מעטאדען פאר ארויסבעקומען די גרעסטע פראפיטען פון זייער באדען.

די מאנדאט־קאמיסיע האלט, אז די מאנדאטס־מאכט האט געוואלט האבען ערפאלג און ברענגען אין איינקלאנג די אינטערעסען פון די פערשיעדענע עלעמענטען אין דער א״י־בעפעלקערונג. דורך שטודירען די ... אראבישע פראבלעמען, וואס זענען נוגע די א״י־איינוואוינער וואלט די מאנדאט־מאכט געקענט ברענגען ביידע עלעמענטען צו ענגערע בעציהונגען און איז אזוי ארום גורם צו זיין צו דער צוזאמשמעלצונג פון אינטערעסען, וואס וואלטען בעפרייט געווארען פון אנטאגאניזם.

בעהאנדלענדיג די פראגע וועגען א פרייער רעגירונג, ערקלערט די מאנדאט־קאמיסיע, דאס די יעניגע, וואס פארמולירען די היינטיגע אידעען, קענען דורך דער מאנדאט־קאמיסיע נישט געשטיצט ווערען. די קאמיסיע דריקט אויס די האפנונג, אז די נויטווענדיגקייט פון אן אקציע געגען פיינדליכע עלעמענטען וועט נישט שטערען דער א״י־רעגירונג מיט מעהר ענערגיע ווי ביז איצט אויסצופיהרען א קאנסטרוקטיווע פראגראם.

די קאמיסיע אפראבירט די שריט, וואס די בריטישע רעגירונג האט אונטערנומען, כדי צו פערמיידען אומגליקליכע אונרוהען אין דער צוקונפט. די קאמיסיע האלט, אז די פערפליכטונגען, וואס זענען ענטהאלטען אין מאנדאט לטובת ביידע טיילען פון דער בעפעלקערונג זענען פון גלייכער וויכטיגקייט און זענען אין קיין פאל נישט אונפעראייניגבאר.

בלוטיגע טראגעדיע האט זיך אפגעשפילט אין אריסטא־קראטישען קעמברידזש־אוניווערזיטעט אין ענגלאנד

א יונגער סטודענט דערשיסט זיין פראפעסאר, א דעטעקטיוו און זיך אליין. — דורך דער טראגעדיע דערוויסט מען זיך סענסאציאנעלע סודות פון דעם אויסגעלאסענעם לעבען פון די רייכע ענגלישע סטודענטען.

(א בריף פון לאנדאן)

„קעמברידזש" און „אקספארד" זענען צוויי נעמען פון צוויי ענגלישע שטעטלעך, אבער די צוויי נעמען האבען א געוואלדיגע בעדייטונג פאר דער גאנצער וועלט, ווייל אין קעמברידזש און אין אקספארד געפינען זיך די צוויי גרעסטע און עלטסטע אוניווערזיטעטען פון דער וועלט, און קיין שטאט איז נישט אזוי שטאלץ מיט איהר אוניווערזיטעט ווי די צוויי קליינע ענגלישע שטעטלעך.

האט אבער מיט א פאר וואכען צוריק פאסירט א שרעקליכע טראגעדיע אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט. א יונגער 19־יעהריגער סטודענט האט אין א געוויסען פריהמארגען דערשאסען זיין פראפעסאר און א פאליציי־דעטעקטיוו, וואס איז אין פראפעסאר'ס צימער געווען, און מיט דער לעצטער קויל פון זיין רעוואלווער האט דער סטודענט זיין אייגענעם לעבען געענדיגט. אט די שרעקליכע טראגעדיע, ביי וועלכער דריי וויכטיגע קרבנות זענען געפאלען, האט נאטירליך, געמאכט א געוואלדיגען רושם, און ביי דער אויספארשונג, וואס איז געמאכט געווארען איבער די דריי טויטע קערפערס, זענען ענטדעקט געווארען אזעלכע סענסאציאנעלע סודות פון סטודענטען־לעבען, וואס האבען איבערגערישט גאנץ ענגלאנד און וואס האבען אויך געפונען אן אפקלאנג איבער דער גאנצער וועלט.

גלייך ווי די ענגלישע אווענד־ציטונגען האבען פערעפענטליכט די נייעס פון דער טראגעדיע, מיט'ן בילד פון מערדער און זעלבסטמערדער, האט זיך גלייך געמעלדעט צום פיהרער פון אוניווערזיטעט א שעהן, יונג מיידעל פון לאנדאן, און זי האט די פאלגענדע געשיכטע דערצעהלט:

זי איז א טאנץ־לעהרערין און געווען א לאנדאנער נאכט־קלובען, וואו עס ווערען בעזוכט פון לאנדאנער רייכע יונגעלייט און וואו עס קומען זיך צוזאמען אין א גאנץ בעדייטענדער צאהל אויך סטודענטען פון אקספארד און קעמברידזש, וואס ווילען זיך לערנען טאנצען און פערבריינגען א נאכט אין לוסטיגער געזעלשאפט. זי, און אויך אנדערע פון איהרע חברטעס, האבען א גאנץ ברייטע און אינטימע בעקאנטשאפט מיט א גרויסען קרייז סטודענטען. אבער גראד די צוויי יונגע לייט, וואס זענען פערמישט אין דער טראגעדיע, האט זי קיינמאל נישט בעגעגנט אין די נאכט־קלובען וואו זי פלעגט ארבייטען, ביז אומגעפעהר דעם צוואנציגסטען מאי, ווען איהרע א חברטע האט איהר טעלעפאנירט און מיטען נאכט און האט איהר געבעטען, אז זי זאל אריינקומען צו זיך צוויי יונגע סטודענטען, וואס זענען געקומען פון קעמברידזש און וואס האבען זיך נישט געהאט אהינצוטון אויס מאנגעל אין געלד.

זי האט איינגעשטימט און זיי געהייסען קומען, ווען די זענען יענע נאכט געקומען צו איהר, האבען זיי דאס ערשטע געבעטען עפעס עסען, ווייל זיי זענען געווען שטארק אויסגעהונגערט און מיד. כמעט גלייך נאכ'ן עסען זענען זיי ביידע איינגעשלאפען אויף די שטוהלען זיצענדיג ביים טיש, אזוי מיד און שלעפעריג זענען זיי געווען. נאר ווען זיי זענען שוין ענדליך יא אין שלאפצימער אריין און האבען זיך גענומען אויסטון, האט זי בעמערקט, ווי פון די הינטערשטע הויזען־קעשענעס האט ביי יעדען איינעם פון זיי ארויסגעשטעקט א רעוואלווער.

דער וואס האט זיך גערופען דאוגלאס איז געווען פיל פרעהליכער, לוסטיגער און פרייער פון זיין חבר וואס האט זיך גערופען ניומאן.

איהר איז פערדעכטיג געווען, ווארום די צוויי סטודענטען פאהרען נישט צוריק. זי האט זיי אבער געלאזט איבערשלאפען ביי איהר א צווייטע נאכט. זי האט זיך מעהר בעפריינדעט מיט זיי, און זי האט דאן געוואגט צו שטעלען עטליכע פערזענליכע פראגען וועגען זייער עקאנאמישער לאגע און אויך וועגען דער אורזאך ווארום זיי ערלויבען זיך אוועקצושטעהען פון אוניווערזיטעט.

זי האט איין טאג בעמערקט, ווי דער דאוגלאס האט זיך פלוצלינג אנגעטון אין א בלאנדען פארוק מיט א פאר פאלשע וואנצעס און א פאר שווארצע ברילען און אזוי פערמאסקירט איז ער אוועק מיט זיין חבר אין גאס. שפעט אין אווענד זענען זיי אהיימגעקומען און אזוי ווי די האבען געהאט געלד ביי זיך, האבען זיי איהר איינגעלאדען צו געהן מיט זיי אין א רייכען רעסטאראן און נאכהער אויף א שפאציר. זיי האבען יענע נאכט אויסגעגעבען עטליכע פלעשלעך ווין אין א לוסטיגען נאכט־קלוב און זייענדיג נישט גאנץ ניכטער, האט דאוגלאס איהר דערצעהלט דעם גאנצען אמת, אז ער און זיין חבר זענען אנטלאפען פון קעמברידזש און אז ער האט מורא צוריק צו קומען אין אוניווערזיטעט, ווייל עס ערווארטעט איהם דארט געוויס אן ארעסט פאר גרויסע שולדען, וואס ער איז בעגאנגען, אויסנארענדיג געלד פון מענשען אויף א פאלשען נאמען.

די האט זיי געראטען, אז זיי זאלען גלייך געהן אהיים פון וואנען די זענען געקומען. ניומאן האט איהר גלייך פערשפראכען, אז ער וועט טון ווי זי הייסט איהם, אבער זיין חבר דאוגלאס האט נישט געוואלט. זי האט ענדליך אויך אויף איהם געווירקט, אז ער זאל צוריק געהן אין אוניווערזיטעט, נאר ער האט איהר געזאגט, אז אויב ער וועט געפינען, אז עס ווארט אויף איהם אן ארעסט, וועט ער אנ'ענדע מאכען צו זיין לעבען און אויך צו דעם לעבען פון דעם יעניגען, וואס וועט איהם וואגען צו ארעסטירען. זי האט עס אנגענומען בשעת מעשה פאר א טעאטראלען ווערטער און זי האט איהם געראטען קודם כל זיך מעלדען צו זיין פראפעסאר, וועלכער וועט איהם שוין ראטען וואס ער האט צו טון. ער האט עס איהר פערשפראכען. ער האט איהר אויך צוגעזאגט צו שרייבען וואס עס וועט מיט איהם פאסירען. אבער אנשטאט עפעס צו הערען פון איהם, האט זי שוין געלייענט אין די ציטונגען וואס עס האט פאסירט. און דאס האט איהר געמאכט, אז זי זאל גלייך קומען און דערצעהלען די גאנצע געשיכטע.

ביי דער אויספארשונג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען זענען אנוועזענד געווען דעם סטודענטס פאטער, דאס מיידעל און אויך דער אנדערער, ניומאן, וועלכער האט בעשטעטיגט, אז אלעס וואס דאס מיידעל האט געזאגט איז אמת.

עס איז אויפגעדעקט געווארען, אז כאטש די טויערען פון די קאלעדזשעס ווערען געשלאסען 11 א זייגער ביינאכט, זענען אבער דא געוויסע מיטלען פאר רייכע סטודענטען צו קומען ווען זיי ווילען, פאר יעדער שעה שפעטער וואס זיי קומען נאך 11 באצאהלען זיי צאהלען א געוויסען פרייז צו איינעם, וואס לאזט שוין אפען א געהיימע טיהרעל, דורך וועלכער מען קען אריינגעהן און ארויסגעהן ווען מען וויל. נאך מעהר, עס איז בעוויזען געווארען, אז פאר די ארימע סטודענטען איז גילטיג די דיסציפלין פון אוניווערזיטעט. אבער פאר די וואס קאנען „פערשמירען" איז קיין דיסציפלין נישטא, און זיי קענען ארייננעהמען מעדכען די ווילען און טון וואס זיי ווילען.

איינער א סטודענט, וואס געפינט זיך שוין אין קעמברידזש דעם דריטען יאהר, האט זאגאר דערצעהלט, אז געוויסע סטודענטען האבען זיך ערלויבט אריינצופיהרען אין זייערע קאלעדזש־צימערען אויסגעלאסענע ...

(ווייטער זעה 7־טע זייט)

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג 15 יט תמוז תר"ץ

יולי
זון-אויפגאנג 3.21
זון-אונטערגאנג 7.59

„פערקויפט“ הויז איז נישט „פערקויפט“, און „פערפאכטעטע“ קינא איז נישט פערפאכטעט

טעגליכע כראניק פון האנדעלס-געריכט

דאס הויז אויף מאניסטראצקא 13 (פאמארסקא 89) וואס האט א ווערט פון א 250—300 טויזענד זלאטים האט געהערט צו יחיאל מאיר איקקא. לעצטענס האט ער דארט אויסגעבויט א קינא „שורט“. כדי אייבצואַרדענען און צו פיהרען דאס קינא האט ער זיך שטארק פערשולדיגט און יאנואר ה. י. האט ער דאס קינא „אפגעגעבען אין פאכט“ זיינם א שוועסטערן זוהן, דאס הויז האט ער „פערקויפט“ זיין ברודער און א בעקאנטען, און אליין איז ער פערשוואונדען, אזוי או אפילו די פרוי האט „נישט געוואוסט“, וואו ער געפינט זיך.

די קרעדיטארען, צווישען וועלכע ס'זענען געווען אויך ארבייטער, אנגעשטעלטע, האנדווערקער א. א. וו. האבען איהם ערקלערט פאר באנקראט.

דער קוראטאר פון דער באנקראט-מאסע האט אנגעשריבען די וואוינונג פון באנקראטירטען און דאס קינא, הגם דער בלומרשטער פאכטער האט זיך ענטקעגענגעשטעלט. שפעטער האט דער קוראטאר דאס קינא פערפאכטעט.

שוועהער איז צוגעגאנגען מיט'ן הויז. די נייע אייגענטימער פונ'ם הויז האבען פערשריבען אויף איהם א קאוציע פון צעהן טויזענד דאלאר. דער סינדיק איז דאן ארויסגעטראטען אין געריכט וועגען אנערקענען דעם פערקויף פונ'ם הויז און 'די שפעטערדיגע קאוציע פאר פיקטיווע "אקטען און האט בעקומען א פערזיכערונג אויף דער פאסעסיע און דאס הויז איז ביז צום פראצעס איבערגעגעבען געווארען א סעקוועסטער.

די האיינע שריט פון די קרעדיטארען האבען בעוואוינען איקקא'ן אויך צו שליסען א גוטוויליגען אפמאך מיט אלע קרעדיטארען. איקקא האט זיך פערפליכטעט צו בעצאהלען די פולע הונדערט פראצענט און וועקסלען וואס זענען געזיכערט אויף דעם הויז-פאטעק פון הויז.

משמעות, אז א דעצידירענדער און ענערגישער קאמף מיט א זעלכע באנקראטען איז א גוטער און פאסיגער מיטעל, וואס ברענגט ערפאלג.

* * *

מיט א צייט צוריק איז ערקלערט געווארען פאר באנקראט די פירמע בושעווינסקי, באלד נאכדעם איז פאר באנקראט אויך ערקלערט געווארען זיין שותף לעווים און ענגרע מאי איז אויך ערקלערט געווארען פאר באנקראט די פירמע „לעווים און בושעווינסקי“. געגען דער ואיגער רעציזיע פון האנדעלס-געריכט זענען איינגעפלאסען דריי אפאר-ציעס: מצר א'נעם פון די שותפים לעווים, פון בושעווינסקים כאסע-קוראטאר און מצר איינעם פון די קרעדיטארען. אלע דריי ווייזען אן, או אלס מאטיוו צו ערקלערען פאר באנקראט די פירמע „לעווים און בושעווינסקי“ האט געדינט איין פראטעסט רטער ווע כעל, וועלכער איז אגב אויך א שווינדלערישען א"פ א. ג. ענארט געווארען ביי זיין בעזיצער. ווייטער ואגען די אפאדיציאנערען אגבע ווייזען, או די פירמע געפינט זיך אין סטאדיום פון ליקווידאציע און רעגולירט מיט איהרע קרעדיטארען וועלכע בעקלאגען זיך נישט.

דאס געריכט האט די אפאציע אפגעווארפען און איינגעהאלטען דעם באנקראט.

אזא מוסטערהאפטע מעשה

מיט א ווארובעל, וואס וועט צווישערן א גאנץ יאהר איז תפיסה

(2) אין אפריל האט א געוויסער יונגערמאן ווארובעל זיך פארגעשטעלט פאר אן'אינהאבער פון א גרעסערען וואַנטעריע-געשעפט אין פויען און האט אין עטליכע געשעפטען פערלאנגט אנצוקויפען בעצאהונגען, נעהמענדיג סחורה א"ף קאסיגאן. פון וואס-וועגן האט ער אין יעדען געשעפט געגומען „מוסטערען“ וויירענע העמדער, א"בער-העמדער א. א. וו. ווערווייל האבען די פירמעס זיך דערוואוסט, או מ'קען ווארובעל'ן נישט טרויען, או אזא געשעפט עקזיסטירט בכלל נישט אין פויען, און האבען מיט א"זים קיין געשעפטען נישט געמאכט, אבער די „מוסטערען“ זענען פערפאלען געווארען.

אין מאי, האט איינער פון די געליטענע, מענדעל אבראמאוו (נאוואמייסקא 36) געטראפען דעם פערשוין אויפ'ן באלוטער מארק און איהם געלאזט אַרעסטירען, אין קאמיסאריאט האט מען פעסטגעשטעלט, או ווארובעל איז שוין געווען געמשפט און איז אפגעזעסען א האלב יאהר פאר א וועקסעל-אפערע.

נעכטען איז פארגעקומען זיין פראצעס, ווארובעל האט זיך נישט מודה געווען. אבער ווי עדות האבען בעשטעטיגט, האט ער אויסגענארט די „מוסטערען“ אלס פוינער קאטויסיאנער. דאס געריכט האט איהם פערמשפט אויף איין יאהר טורמע.

לאדז פייערט דעם אנדענקען פון ד"ר ט. הערצל ז"ל

היינטיגע פרויען-פערזאמלונג אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע

צוליב דעם 28-טען יאהרצייט-טאג נאכ'ן טויט פון גרויסען ציוניסטישען פיהרער, דער שעפער פון דער יודישער נאציאנאלער אויפלעבונגס-בעוועגונג, ד"ר טעאדאר הערצל ז"ל קומען פאר אין אונזער שטאט היינט און מארגען פערשידענע טרויער-פייערונגען געווידמעט דעם אנדענק פון פערשטארבענעם.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אדרעס אויך די ציוניסטישע ארגאניזאציע היינט, דינסטאג, האלב נ"ין אזייגער אווענד אין איגענעם לאקאל (צעגעלניאנא 4) א גרויסע הערצל-פערזאמלונג, אויף וועלכער די ה"ה רעד. י. אונגער און משה ליסמאן וועלען אויסטרעטען מיט רעדעס געווידמעט דעם פערשטארבענעם מנהיג און דער לאגע אין ציוניזם.

דער אריינגאנג צו דער פערזאמלונג איז פריי.

הזכרה אין דער שוהל „שערי ציון“

(ראיאן פון גייערס מארק)

היינט דינסטאג 8 אווענד קומט פאר א פייערליכע הזכרה צוליב דעם יאהר-צייט פון ד"ר ט. הערצל אין דער שוהל „שערי-ציון“ [ביי אג. בני ציון] אויף זשגאזשסקא-גאס זיבען. די הזכרה וועט אפרופען דער חזן אהרן ליכאוסקי. אין די טרויער רעדע וועט האלטען דער פלקאנטער העברעאישער שריפטשטעלער און מטיף ה' אהרן לובאשיצקי.

פייערליכע הזכרה אין דער סינאגאגע אויף אל. קאשטשיושקי

מארגען, מיטוואך, כ' תמוז פינקטליך 10 א זייגער פריה קומט פאר א פייערליכע הזכרה געווידמעט דעם אנדענק פון בנימין זאב ד"ר טעאדאר הערצל ז"ל אין דער סינאגאגע אויף אלעיא קאשטשיושקי. די הזכרה וועט אפהיטען דער אבער-קאנטאר ה' אלטערמאן מיט דעם כאר.

הזכרות אין די שוהלען

מארגען, מיטוואך, ביים דאווענען וועלען פארקומען הזכרות אין אלע גרעסערע שוהלען.

פייערליכע הזכרה אין „אהל יעקב“

דעם פערגאנגענעם שבת איז אין דער שוהל „אהל יעקב“ פארגעקומען א פייערליכע תפלה און הזכרה צוליב דעם יאהר-צייט פון ד"ר הערצל. די הזכרה האט אפגעריכט דער חזן מיט דעם כאר. א איינדרוקספולע רעדע, וועגען ד"ר ט. הערצל און זיין בעדייטונג פאר דער יודישער נאציאנאלער אויפלעבונגס-בעוועגונג האט געהאלטען דער מטיף, ה' אהרן לובאשיצקי. בעת די עליות האט מען מנדר געווען לטובת דעם „יער-הערצל“-פאנד פון קרן-קימת.

גרויסע כ' תמוז זאמלונג פון קרן סימה

צוליב דעם יאהרצייט-טאג פון ד"ר הערצל פיהרט איצט אדורך דער קרן-קימת די טראדיציאנעלע זאמלונג לטובת דעם „יער-הערצל“-פאנד, וואס איז בעשטימט אויף צו פלאנצען וועלדער אין ארץ-ישראל, וועלכע האבען ווי בעקאנט, א גרויסע בעדייטונג פאר דעם דארטיגען קלימאט און וואס בילדען גלייכצייטיג אן אייביגען דענקמאל פאר דעם גרויסען יודישען פיהרער.

ארויסגעווארפען מיט די בעבעכעס

אן'אמעריקאנער אל-רייטניק עקסמיטירט זיין ארימען קראנקען לאדזער לאקאטאר

ראובן שטארק איז א פאטער פון 5 קינדער און א מאן פון א פרוי.

ער איז געווען א בעקער, האט גוט פערדינט און געפיהרט אן'אנשטענדיג פאמיליאַנטיש לעבען.

דיט 18 יאהר וואוינט ער אויף אלעקסאנדראווסקא נאס הדר"יצעהן. פאר דער צייט, וואס ער וואוינט אינם הויז, האבען זיך שוין דארט איבערגעביטען עטליכע אייגענטימער, און ראובן שטארק מיט זיין פאמיליע האט זיך געוואוינט אין דייער שטוב פון 2 שטאק נאָרמאל געצאהלט דירה-געלד און מיט קיינעם נישט געהאט קיין שום געשעפטען.

טרעפט זיך א מעשה, או ראובן ווערט קראנק. די קראנקהייט ענטוויקעלט זיך און ער ווערט פאראליזירט, אזוי או ער קען נישט פערדינען. אין שטוב האט אנגעהויבען אריינקוקען די נויט און שטארק האט אויפגעהערט פינקטליך צו צאהלען דירה-געלד.

דערווייל האט זיך אין דעם הויז בעוויזען א נייער ווירט, אן'אמעריקאנער א געוויסער גאלדפינגער. דער נייער ווירט האט נישט געוואלט וויסען פון קיין שום סענטימענטען, און הגם ער איז נישט דער איינציגער ווירט פונ'ם הויז, האט ער אנגעקלאגט שטארק'ן אויף 110 זל. וואס ער איז שולדיג געווען פאר דירה-געלד, און האט בעקומען אן עקסמיסיע-אורטייל.

אין שטוב ביי שטארק'ן איז געווארען א יללה, מ'האט אנגעהויבען לויפען צום ווירט: מ'טייטש, ווי ווארפט מען ארויס א קראנקען מענשען אויף דער גאס. מ'האט צוגעזאגט אויסצאהלען דעם חוב און ס'האט געוואירקט. דער הויז-ווירט האט די עקסמיסיע נישט איבערגעפיהרט בתנאי, או שטארק וועט בעצאהלען דעם חוב.

שטארק איז ווי געזאגט, א קראנקער מענש, פערדינען קען ער נישט. לעצטענס האט ער אנגעהויבען בעקומען אונטערשטיצונג פון מאגיסטראט, אבער ער האט ווי ס'איז געצאהלט דעם אלטען חוב פאר דירה-געלד, כדי נישט ארויסגעווארפען צו ווערען.

אבער דעם אלטען חוב האט ער מאקן בעצאהלט, דערווייל איז אויסגעוואקסען א נייער חוב און דאס איז וועדער שולדיג געבליבען פאר דירה-געלד 181 זל.

האט דער „אמעריקאנער“ ווידער איהם אנגעקלאגט אין געריכט, בעת דער פראצעס איז פארגעקומען איז שטארק געלעגען קראנק אין שפיטאל, און צום פראצעס איז געקומען זיין פרוי, וועלכע פערשטעהט נישט א ווארט פויליש און זי האט נישט געקענט אויפקלערען אין געריכט, פארוואס זי צאהלט נישט קיין דירה-געלד. דאס געריכט האט צוגעשפראכען אן'עקסמיסיע און דער הויז-ווירט האט אנגעהויבען פאדערען פון די שטארקס, או זיי זאלען בעפרייען די דירה. אויף מאנטאג איז געווען בעשטימט די עקסמיסיע, אבער שוין פרייטאג האט דער ווירט געצוואונגען ארויסטראגען די זאכען אויפ'ן הויף און זונטאג האט מען פון שטוב ארויסגעטראגען די רעשט „ווירטשאפט“ משטיינס געזאגט.

די שכנים אין הויף קוקען צו די זאך מיט פערביטערטע צ'יהן זיי קענען אבער גארנישט העלפען, עפיס א יוד פון סעלבאד גאס 9 האט רחמנות געהאט און האט א טייל פון די זאכען אריינגענומען איז א שאפ. דער קראנקער שטארק מיט דער פאמיליע האט אבער נישט דעם קאפ וואו אנדערצולייגען.

צי וועט זיך געפינען עמיץ אין לאדז וועלכער זאל זיך מיט דער פאמיליע פעראינטערעסירען און נישט לאזען זיי אונטערגעהן? און דער „אמעריקאנער“ הויז-ווירט? — האט ער שוין נארנישט קיין פליכטען בנוגע א לאקאטאר, וואס האט אפגעוואוינט 18 יאהר און האט די גאנצע צייט געצאהלט רעגולער, ביז ס'האט איהם געטראפען אן'אומגליק, און ער קען נישט בעצאהלען?

קויפט היינט דאס בלימעל

לטובת דעם

יודישען עמיגראנט!

---

2 יאהריג יודיש מיידעלע

ארויסגעפאלען פון 4 שטאק און דערהרגעט געווארען אויפ'ן ארט

(—) אויף נאוואדווארשעווסקא 16 וואוינט אויפ'ן פירטען שטאק אין א בוידעם-שטיבעל דאס פאר פאלק גאלדבערג, וואס האנדעלט מיט גרינס. נעכטען אינדערפריה, ווען די מוטער איז ארויס פון שטוב, האט זי פערשלאסען די טיר און איבערגעלאזט אין שטוב די 2-יעהריגע מאשא

דאס קינד איז ארויפגעקראכען אויפ'ן פענסטער און איז אראפגעפאלען אויפ'ן ברוק. דאס קינד איז דערהרגעט געווארען אויפ'ן ארט.

א דאנק די בעמיהונגען פון „חסד של אמת“ האט מען עס נישט געפלעסט. נעכטען איז די 2-יאהריגע מאשא געקומען צו קבורת.

דעלעגאציע פון איינזאמע ארבייטסלאזע

האט בעקומען נישט קיין מלוכה-אונטערשטיצונג

(2) בשעתו האט דאס ארבייטס-מיניסטעריום פערארדענט נישט ארויסצוגעבען קיין אונטערשטיצונגען פאר איינזאמע ארבייטסלאזע, וואס האלטען נישט אויס קיין פאמיליעס. די דאזיגע ארבייטסלאזע, נישט בעקומענדיג קיין אונטערשטיצונגען געפינען זיך אין א זעהר שווערע לאגע.

אויף א מיטינג פון די ארבייטסלאזע איז בעשלאסען געווארען ארויסצושיקען א דעלעגאציע קיין ווארשא, וועלכע זאל אינטערווענירען אין מיניסטעריום וועגען אפשאפען די דאזיגע פעראָרדנונג. נעכטען איז די דעלעגאציע בראש מיט דעפ. וואשקעוויטש ארויסגעפאהרען קיין ווארשא.

לוסטראציע פון דלות

תלמאי לעצטענס פליסען איין וועניגער שטייערן?

(2) ווי מיר דערוויסען זיך, האט דאס פינאנץ-מיניסטעריום ארויסגעשיקט קיין לאדז א גרויסע אינספעקטארען פון שטייער-דעפארטאמענט, כדי דורכצופיהרען אין לאדז א לוסטראציע. די דאזיגע לוסטראציע איז ארויסגערופען געווארען מיט דעם, וואס לעצטענס פליסען איין וועניגער שטייערן, ווי דאס איז געווען פאראויסגעזעהען פאר לאדז.

די ידיעה וועגען דער לוסטראציע-קאמיסיע האט ארויסגערופען א שטארקע בעאונרוהיגונג אין די סוחרישע קרייזען, וועלכע זענען נישט בכח צו צאהלען די איבערגעטריבענע שטייערן. די ווירטשאפטליכע קרייזען האבען דעריבער בעשלאסען ארויסצושיקען א דעלעגאציע צו די שטייער-אינספעקטארען, כדי זיי אויפצוקלערען די שווערע לאגע פון די היגע שטייער-צאהלער, כדי צו בעטען זיי וועגען א ווייט-מעגליכער פראלאנגאציע פון די צאהלונגען.

פראנצויזישער נאציאנאלער יו"ט געפייערט אין לאדז

(פ) נעכטען איז ביי אונז געפייערט געווארען דער פראנצויזישער נאציאנאלער יו"ט – דער יאהרטאג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. זונטאג ביינאכט זענען איבער דער שטאט אדורכמארשירט מיליטערישע ארקעסטערס, וואס האבען פאר'ן פראנצויזישען קאנסולאט אפגעשפילט דעם פראנצויזישען און פוילישען הימנען.

נעכטען איז דער פראנצויזישער קאנסולאט און די מלוכה'שע געביידעס דעקארירט געווען מיט די נאציאנאלע פאהנען. אינדערפריה איז אין דער קאטעדרע פארגעקומען א פייערליכע גאטעסדינסט אין וועלכער ס'האבען אנטייל גענומען די ארטיגע מאכט, פראנצויזישער קאנסול, די קאנסולען פון די פרעמדע מלוכות און די פראנצויזישע קאלאניע אין לאדז.

שרעקליכער פארפאל

מיט דער לייטערין פון נאכט-לעגער-הויז פאר פרויען אין לאדז

(ק) נעכטען ארום 12 א זייגער ביינאכט איז אין דעם שטעטישען נאכט-לעגער-הויז פאר פרויען אויף צמענטארנא 10 פארגעקומען פאלגענדער טראגישער פארפאל.

די 28-יעהריגע הילמאנע העלענא טרענדא, וועלכע האט זיך געפונען אין דעם נאכט-הויז, איז געווארען פלוצלינג קראנק.

די לייטערין פון דעם נאכט-לעגער-הויז פרוי ראזאליא קארקאס האט, דערזעהענדיג, או די קראנקע האט פערלוירען דאס בעוואוסטזיין, זיך געלאזט א דערשראקענע לויפען צום טעלעפאן, כדי ארויסצורופען פאגאטאוויע. עס איז איהר אויסגעקומען צו לויפען דורך א'עם נישט בעלייכטענעם זאל. מיט'ן גאנצען אימפעט האט זיך די פרוי אנגעשטויסען אויף איינעם פון די סלופעס אין זאל. דער קלאפ איז געווען אזוי שטארק, או זי האט בעקומען א געהירן-ערשיטערונג און א בלוט-שטורץ.

די ארויסגערופענע פאגאטאוויע האט געפונען די פרוי שוין כמעט אין א גוססיסדיגען צושטאנד.

אפטייקעז
די היינטיגע נאכט-דיזשורען

(ב) היינט ביינאכט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: פאזלאווסקי, פיעטריקאווער 307; האמבורג, גלובנא 50; גלוכאווסקי, נארוטאוויטש 4; שישקעוויטש, קאפערניק 26; כארעמזא, פאמארסקא 10; פאטאש, פלאץ קאשצעלני 10.

מאגיסטראט קויפט וואגענס
אויף צו רייניגען די גאסען

(—) ווי מיר דערוויסען זיך וועט די שטאט בקרוב אנשאפען וואגענס צו רייניגען די גאסען, וואס וועלען אויסגעבויט מיט שטיינער און די פעטריקאווער גאס, און יענעם טייל, וואס איז געדעקט מיט אספאלט.

אמטליכע אורלויבען

(פ) דער פאליציי-קאמענדאנט, אינספעקטאר ניעדזשעלסקי איז צוריקגעקומען פון אורלויב און האט איבערגענומען זיין אמט.

(פ) דער לאווניק פון דער בילדונגס-אפטיילונג ביים מאגיסטראט, פראפ. סמאליק האט פון היינט אנגעהויבען זיין אורלויב.

היינט קויפט יעדער יוד א בלימעל פון „יעאס"

היינט קומט פאר אין אונזער שטאט אנ׳אפצייכנונגס טאג לטובת דעם יודישען עמיגראנט. עס איז איבעריג צו זאגען, וואס אזעלכעס די פראגע פון עמיגראציע בעדייט פאר יעדען יוד. ווער פון די לאדזער יודען טראכט היינט נישט וועגען אימיגראציע? ווער פון די לאדזער יודישע איינוואוינער האט נישט קיין קרובים אין אויסלאנד, און ער דארף אנקומען צו דער הילף פון „יעאס" כדי זיי אויפצוזוכען, צו דערמאהנען זיי, אז זיי האבען דא איבערגעלאזען אייגענע, וואס נויטיגען זיך אין זייער הילף?

יעדער יוד, און בעזונדערס יעדער לאדזער יוד איז בבחינת עמיגראנט און ער וועט דעריבער היינט העלפען דינע אונגליקליכע ברידער די עמיגראנטען, קויפענדיג אנ׳אפצייכנונג פון „יעאס".

א טראמוואי איבערגעפאהרען א יודישע פרוי

(א) נעכטען אין די נאכמיטאג-שעה׳ן איז אויף דער בזשעזשינער גאס איבערגעפאהרען געווארען, דורכ׳ן טראמוואי די פופציג-יעהריגע יודישע פרוי חיה נאכליגער פון דער נאווישא 26. אין א זעהר שווערען צושטאנד איז זי איבערגעפיהרט געווארען אין שפיטאל פון הייליגען יוזעף.

טראגישער פארפאל מיט א פוהרמאן
אנ׳אראפגעפאלענער קאסטען פערוואונדעט איהם שטערבליך

(א) נעכטען איז אין דער פאבריק פון פרוסאק אויף נדאנסקא 137 פארגעקומען א טראגישער פאל אויפ׳ן הויף איז אריינגעפאהרען א פוהר פון דער פירמע וואלארט רוסא, פון דער פוהר איז פלוצלינג אראפגעפאלען א קאסטען און האט צוגעדריקט דעם פערציג-יעהריגען פוהרמאן יוזעף פראקסעלאט, ביי דעם אומגליקליכען איז צוקלאפט געווארען דער קאפ און א האנד און א פוס זענען ביי איהם צובראכען געווארען.

אין א האפנונגסלאזען צושטאנד איז ער אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל, וואו ער איז נישט קומענדיג צום בעוואוסטזיין, געשטארבען.

שטיצט דעם „יעאס"
און קויפט היינט
די אפצייכנונג!

ערשינען
די „יודישע טורן-און ספארט-צייטונג"

(—) נעכטען איז ערשינען דער ערשטער נומער פון דער „יודישער טורן-און-ספארט-צייטונג".

דער נומער איז זעהר אינהאלטסרייך און מאכט אויף׳ן לייענער א זעהר גוטען איינדרוק.

תחית המתים של דבר אחר...
א חזיר, וואס איז אריינגעפאלען אין לעטארגישען שלאף

(וו) אין פעטריקאווער ערשט אנ׳עפידעמיע פון טשערוואנקע צווישען די בהמות. פון דער קראנקהייט איז געפגרט א חזיר ביים הויזווירט פון סלאוואצקא 34, און ער האט דעם חזיר בעגראבען אין הויף. די פאליציי האט אבער פעראָרדענט אז דעם פגר זאל מען ארויספיהרען הינטער דער שטאט מ׳האט אויפגעגראבען דעם חזיר און דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז און גרוב געלעגען אויף א׳אגרער ווייל ווי מ׳האט איהם בעגראבען.

אינצווישען האט זיך דער חזיר אויפגעהויבען און געלאזט לויפען איבער׳ן הויף, ווי ס׳האט זיך ארויסגעשטעלט איז דער חזיר געלעגען אין א לעטארגישען שלאף.

דער פאל האט ארויסגערופען א געוואלדיגע סענסאציע און מאסען מענשען קומען אנקוקען דעם אויסטערלישען העלד.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון אינטערנאט איז העלענובעק

דעם 1-טען יולי ד. י. איז אין לאקאל פון דער „בורסע" פאר יוגענד אוי״ף נאמען פון ש. שטיינשניידער דיל פאמארסקא 41, פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט אינטערנאט פאר יודישע קינדער און פערמע אין „העלענוועק". נאכ׳ן בעשטעטיגען די בעריכטען פון דער פערוואלטונג און דער רעוויזיאנס-קאמיסיע און נאכ׳ן אננעהמען דעם בודזשעט אויפ׳ן קומענדיגען יאהר, איז אויסגעוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג, אין וועלכער עס זענען אריין די הערען: פ. גערשאווסקי, אלס קוראטאר; י. א. גרוסליכט אלס עהרען-פרעזעס, י. ל. אורסאן, י. אזראעליט, דיר. מ. בראנדשטעטער, א. באביאצקי, פרוי א. גערשאווסקא, צ. גימלין, פרוי צ. וואסערמאן, ש. זילבערשטראם, י. טללער, פרוי ר. טביוב, י. יאשונסקי, ה. לאזינסקי, פ. י. לאנדוי, פרוי ל. לאנדוי, ד״ר א. לאנדוי, ד. ל. מאגדעלצוויג, מ. סאפיר, וו. סקורא, א. פיאסקאווסקי, פרוי פיאסקאווסקא, י. פיקעלני, פרוי פ. פאיערשטאג, ה. פריימאן, ש. רייכמאן, דיר. ד. ראבינאוויץ, מ. רומקאווסקי, א. שטיינשניידער, א. שפילקא, פרוי ב. שטיינערמאן. אלס קאנדידאטען: הי א. ניימאן, די דאמען: ר. אלצעקסאן, א. ליפשיץ, ע. שטיינשניידער, טללער, מ. פרושינאווסקא, יאשונסקא. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע זענען אריין: ז. גאמאלינסקי, ש. לעווי, מ. מרדכי, ווג״ר אטקאפף, ח. שאפירא. די נייע פערוואלטונג האט זיך קאנסטיטואירט אויפ׳ן פאלגענדען אופן: פרעזעס — הי מ. רומקאווסקי, 1-טער ווייצע-פרעזעס — הי י. ל. אורסאן, 2-טער וויצע-פרעזעס — הי ש. רייכמאן, קאסירער — מ. סאפיר, סעקרעטאר — א. שטיינשניידער, ווירטשאפטס-פערוואלטער — פ. י. לאנדוי, אהן מאנדאטען זענען אריין אין פרעזידיום די ה״ה: באביאצקי, איזראעליט, יאשונסקי און לאזינסקי.

די אלגעמיינע פערזאמלונג האט אויסגעדריקט איהר אנערקענונג און דאנק דעם הי פ. גערשאווסקי און פרוי פאר זייערע גרויסע פערדינסטען און נדבות לטובת דער געזעלשאפט, ווי אויך דעם הי מ. רומקאווסקי — פאר דין אונערמידליכער ארבייט לטובת דערזעלבער געזעלשאפט

צוגע׳גנב׳עט סחורה פון א לאסט-אויטא
פאליציי האט די סחורה געפונען אין לאגעווניקער וואלד

(ק) נעכטען איז די פאליציי אין זגערזש אלארמירט געווארען צוליב א דרייסטער גנבה, וועלכע איז אויסגעפיהרט געווארען פון א לאסט-אויטא אויפ׳ן וועג לאדז—קוטנא.

פון דעם לאסט-אויטא האט מען צווישען זגערזש און אזארקאוו אויפשניידענדיג די פלאנדעקע, ארויס גענגבעט מאנופאקטור פאר 12000 זלאטעס.

די פאליציייאישע אויספארשונג האט געבראכט דערצו, אז די סחורה האט מען געפונען בעהאלטען אין דעם לאגעווניקער וואלד.

נאך די גנבים זוכט נאך דאס געריכט.

אלע קויפען היינט
— די —
אפצייכנונג פון „יעאס"

אבער-קאנטאר אליהו זאלוד-קאווסקי
אין זאל פילהארמאניע

די ידיעה, אז דער וועלט-בעריהמטער אמעריקאנער אבער-קאנטאר פון דעטרויט, פראפעסאר זאלודקאווסקי וועט דאווענען היינטיגען שבת-מברכים ביי אונז אין לאדז האט ארויסגערופען די גרעסטע צופרידענהייט ביי אלע דינע פערעהרער און מנגנים.

כדי צו ערמעגליכען די ברייטעסטע שיכטען צו הערען דעם גרויסען קינסטלער זענען די פרייזען פון די בילעטען זעהר ביליגע.

ארבייטסלאזיגקייט אין זגערזש וואקסט

(ק) אין דער פירמע א. ג. בארסט אין זגערזש זענען נעכטען געקינדיגט געווארען 40 ארבייטער.

(ק) אין דער פאבריק פון דער זגערזשער בוימוואל-מאנופאקטור פערלירען זייער ארבייט די וואך 1000 געקינדיגטע ארבייטער.

די פאבריק ווערט צוליב מאנגעל אין בעשטעלונגען, געשלאסען.

אויטא איבערגעפאהרען א פרוי

אויף פשעיאזד לעבען דער הויפט-פאסט האט אנ׳אויטא איבערגעפאהרען אנ׳עלטערע אונבעקאנטע פרוי.

פאגאטאוויע האט די פרוי אפגעפיהרט אין שפיטאל. דער שאפער פונ׳ם אויטא איז ארעסטירט געווארען.

א גרוס פון יענער זייט ים

דער גוט-בעקאנטער, טאלאנטפולער לעהרער און שול-טוער הי י. פאט, (ג. ווילנער) וועלכער האט אין שלידות פון דער יודישער שול-ארגאניזאציע אדורכגעריזט אמעריקע אין דער לעצטער צייט און איז דער בריט וועט היינטיגען דאנערשטאג אין פילהארמאניע זאל האלטען א פארלעזונג א. ד. ט.: „א גרוס פון יענער זייט ים".

הי פאט האט אין אמעריקא זיך געטראפען מיט טויזענדער מענשען פון פערשידענע סביבה׳ס און געגענטען, בעקענט זיך גרינדליך מיט א גאנצע רייהע דערשיינונגען פון אמעריקאנער לעבען אין דער לעצטער צייט און דאס אלץ וועט ער היינטיגען דאנערשטאג איבערגעבען אויף דער פארלעזונג.

די אלע וועמען ס׳איז בעקאנט די שילדערונגס-פעהיגקייט פון ה׳ פאט, זיין פעהיגקייט איבערצוגעבען אלץ אין קלארע, פארביגע בילדער וועלען זיכער אויסנוצען די געלעגענהייט צו בעזוכען די פארלעזונג.

די בילעטען זענען זעהר ביליגע.

הערמאן סעראצקי
„אין פילהארמאניע"

אין היגען יודישען טעאטער „פילהארמאניע" ווערען שוין געמאכט גרויסע הכנות צו דער שבת-דיגער פרעמיערע, אין וועלכער עס טרעט אויף נאך א הפסקה פון 10 יאהר דער בעוואוסטער ארטיסט און לאנגיאהריגער דירעקטאר פון לאדזער יודישען טעאטער, ה׳ הערמאן סעראצקי.

דער חשובער גאסט וועט נאר געבען אין לאדז אייניגע פארשטעלונגען, און פון דאנען אפפאהרען צוריק נאך אמעריקא.

פון רעווי-טעאטער „דאברי וויעטשור"
אין קינא-טעאטער „בייקא"

מיט גרויס ערפאלג געהט די נייע פרעמיערע „פריילין מאניע׳ס וועש"...

אלע נומערן ווערען שטארק אפלאדירט דורך דעם צאהלרייכען פובליקום, וואס פערפולט טאג-טעגליך דאס פרעכטיגע רעווי-טעאטער. עס צייכנען זיך אויס די ארטיסטען: סאוויצקא, בושאזאווסקא, בראכוויטשובנא, יאנעצקי, וועלין, לאסאצקי, באלקאווסקי און גארדאנאף. די מוזיקאלישע אילוסטראציע געפינט זיך אין די הענד פון בעקאנטען מוזיקער ה׳ דאניאל קליידם.

ראדיא-פראגראם
אויף דינסטאג דעם 15 יולי

11.58 צייט-סיגנאל פון ווארשא און הייגנאל פון מאריאצקען טורעם אין קראקא. 12.05 מוזיק פון גראמאפאן-פליטען. 13.15 טאג-פראגראם, קינא-און טעאטער-רעפערטואר. 15—16 מוזיק פון גראמאפאן-פליטען. 17.10 פארלעזונג וועגען לופט-פליהעריי. 17.35 פארלעזונג. 18.00 פאפולערער קאנצערט. 19.00 פערשידענעס. 19.20 מוזיק פון גראמאפאן-פליטען. 19.30 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער. פראגראם אויף מארגען, קאמוניקאטען. 19.45 ראדיא-זשורנאל, צייט-סיגנאל פון ווארשא. 20.00 אפערע פון גראמאפאן-פליטען. 22.15 פעליעטאן. 22.25 קאמוניקאטען (מעטעראלאגישע, פאליציי, ספארט און אנד.)

Dziś w RADJO
Godz. 20.00
CYRULIK SEWILSKI
Artyści t. La Scala

Dr. EBIN
PIOTRKOWSKA 10
PRZEPROWADZIŁ SIĘ na
Al. Kościuszki 39 róg Andrzeja

Dr. med. FELDMAN
אקושער און פרויען-ארצט
Rzgowska 5, tel. 191-08
נעהמט אן פון 3—5 נאכמיטאג און אין דער לעצטער צייט Piotrkowska 62 פון 5.30—7.30 נאכט

Dr. Donchin
ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
מאניושקי 1, טעל. 209-97
נעמט אן פון 9—1 מיטאג און פון 4—7 אוועגד.

טעאטער און קונסט

„יודען-שטאט" פון אהרן צייטלין

אינסצעניזירט און רעזשיסירט דורך ד״ר מיכאל וייכערט, אויפגעפיהרט דורך דער „ווילנער טרופע".
(אינפ. מ. מזא״ה).

א לעגענדע פון יודישען מיטעלאלטער — איינע פון די טויזענדער און איינע קידוש-השם-געשיכטען —

אויסגעצייכנעטער שטאף פאר דראמע און יודישע דראמע בפרט.

האט דער יונגער דיכטער אהרן צייטלין אויסגעפיהלט א בלויז און דער יודישער דראמאטישער לאגעראטור און געשאנקען דער ביהנע אונזער א מין נעא-פסעודא-קלאסישע פארשטעלונג, פון א בלרספק דיכטערישער קוואליטעט, וואס דער ריאליזאציע איהרער איז פיינקאנצענטרירט, בצמצום׳דיג און מאנומענטאל געפורעמט.

ס׳איז א בעזונדער פערגעניגען צו קאנסטאטירען:

ריטמישע, סטיליזירטע, ארכאאיזירטע פראזע — (א גאר הארבע עברי פאר׳ן יודישען אקטיאר, וועלכער קאן זעלטען פשוט׳ע ליטעראַרישע עברי, און פערשטעהט נאר וועלטענער פירוש המילות...) — און די „ווילנער" זענען ארויס זיגעריש פון „דער האינער" אויספראבונג: די טאניק פון דעם פאטעטישען דיאלאג איז מאנאלאג איז מאמענטענווייז פערנאטירליכט געווארען, און געקלונגען זעהר שיין.

* * *

בכלל גענומען איז די „יודען-שטאט" א גרויס דראמאטיזירט ליד, — נישט א ווערסיפיצירטע דראמע — וואס פערמאגט א זעהר געראטענעם פאבולע סיפור-המעשה, און וועגען וועלכען דער מחבר האט אין זיין פארווארט:

„פון איין זייט — די טאט פון קעמפער, פון דער צווייטער — די טאט פון הייליגען, אינמיטען — דער רב, דער טרעגער פון טראדיציע, ארום — דאס פאלק און די חשובים, גאווה׳דיגע ריטערס, און א לוסט-פרוי, דער גאנצער גראטעסקפארביגער מיטעלאלטערליכער געווימעל, צווישען וועלכען עס קאן זיך קיין ארט נישט געפינען דער געפייניגטער ביטאך — דער בלאנדזשענדיגער בעל-הרטה".

שפילען און דעקלאמירען די „ווילנער" האט וואנט ליר די בונטע פערסאנאזשען פון „יודען-שטאט" מיט פיל אויסדרוק און טעמפעראמענט און א אפט דערגרייכט דער פאטאס ביז צו די הויכען פון עקסטאטיק.

ס׳איז נאר א שאד, וואס די געשטאלטונג פון דעם ווערק האט פערלוהען ארער בכוון נישט בעמערקט דעם אזאין אך צייטלינס פארווארט וועגען דעם „גאנצען גראטעסקפארביגען מיטעלאלטערליכען געווימעל"

ווען דער רעזשי וואלט זיך געפאלגט דעם גראטעסק-ארטיגען, גראטעסקפארביגען פון דעם רויזה מאטעריאל און דער „יודען-שטאט" און איהם טראקטירט מאקי גראטעסק, איבערגעטריבען (טיילוויז זענען אינטואיטיוו נאהענט צוגעגאנגען צו דעם אופן: ארלעסקא, נאטאן, און קאמען) און נישט בעהאנדעלט איהם אויף א קאנאניזירטען שטייגער — פסעודא-קלאסיש, וואלט די עקספלאזיע, אווראדא ען, פון דעם דראמאטישען שטאף, זיכער געווען א שטארקערע און אנ׳ענטשפרעכענדערע פאר אונזער צייט.

אין די ראהמען פון דער אלגעמיינער אויפפיהרונג, — וואס איז, אגב, געלונגען אילוסטרירט מוזיקאליש — דורך דעם ענעך קאן, און דעקאראטיוו — דורך ג. וויינטרויב, — האט ארויסגעוויזען בעהאנדעלטע טענדען פארשריט דער יונגער יעקב מאנסדארף.

מ. ב.

שטאט-טעאטער
גאסטראלען פון דער ווילנער טרופע
(אנפ. מ. מזאה)

היינט שפילען די ווילנער פריעס קרויזוויק „ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק", וועלכע ווערט ווי אומעטום, אויך אין לאדז געשפילט מיט אנ׳אונגעהויערען דערפאלג. די אויסגעצייכנטע רעזשי פון דוד הערמאן, די מעלאדישע מוזיק פון יוסף קאמינסקי, די גלענצענדע קרעאציע׳ס פון גאנצען אנסאמבל מיט יעקב ווייסליץ און שמחה נאטאן בראש האט אויך אין לאדז געפונען איבער פולע און פעהיגטע אנערקענונג.

וועגען בעזוך פון „בארד אף דעפיוטיס"-דעלעגאציע ביים לארד פאספילד

פערשפעטיגטער אפיציעלער קאמוניקאט פון בריטישען קאלאניאל-אמט

לאנדאן (יט"א) דאס קאלאניאל אמט האט איצט פערעפענטליכט אנ'אפיציעלען קאמוניקאט וועגען דעם בעזוך פון דער „בארד אף דעפיוטיס"־דעלעגאציע ביים קאלאניען־מיניסטער לארד פאספילד. דער קאמוניקאט לויטעט:

דעם 2. ה. ח. האט א דעלעגאציע פון „בארד אף דעפיוטיס" אין די פערזאנען פון ה' אביגדור וואלד סמיר, לארד ראטשילד, ה' שטראוס און ה' ריטש בעזוכט דעם קאלאניען־מיניסטער לארד פאספילד כדי איהם אויסצודריקען דעם שטאנדפונקט פון דעם ועד־הקהלות, אלס דער געוועהלטער פארשטעהער־שאפט פון די בריטישע יודען, אין דער פראגע פון די אפגעשטעלטע 2300 אימיגראציע־סערטיפיקאטען, וואס זענען געהאט ערטיילט געווארען אויף דער ארבייטס־ליסטע פאר דעם לויפענדען האלב־יאהר. דער קאלאניען־מיניסטער האט ערקלערט דער דעלעגאציע, אז די פראטעסטען פון די יודען שיינען צו זיין באזירט אויף א מיספערשטענדניש. עס איז נישט איינגעטרעטען קיין שום ענדערונג אין דער פאליטיק פון דער רעגירונג, עס איז אויך נישטא קיין אונזיכער־קייט אין דער ווייטערדיגער אויספיהרונג פון מאנדאט, אבער דער מאנדאט רעדט נישט פאר די אויפריכטונג פון א יודישען שטאט נאר בלויז פון א יודישער נאצי־אנאל־היים אין א"י, וואס מוז זיך רעכענען מיט דער איינהאלטונג פון דער שטעלונג און רעכט פון דער אראבישער בעפעלקערונג. די יודישע אימיגראציע מוז געהאלטען ווערען אין די גרעניצען פון דער אויפ־נאהמס־פעהיגקייט פון לאנד. איצט איז די אימי־גראציע נישט אפגעשטעלט געווארען. 950 סערטיפי־קאטען אויף דער ארבייטס־ליסטע פאר דעם לויפענדען האלב־יאהר זענען ערטיילט און נישט צוריק־גענומען געווארען. די שאו־קאמיסיע האט בעריכטעט, אז א געוויסער צאהל אראבער איז עקאנאמיש געטריבען געווארען אין רעזולטאט פון יודישע בארען־קניות. הגם עס איז בעוויזען געווארען, אז די יודישע אגענץ האט געגעבען פריוויליגע געלד־ענטשעדיגונג. די רעגירונג האט עס געהאלטען פאר נויטיג אויסצופארשען וויפיל אמת עס איז דא אין די בעהויפטונגען און האט צו דעם צוועק דעלעגירט קיין א"י דעם מעגליך־בעסטען עקספערט. דאס איז געמאכט געווארען אהן פערשפעטיגונג. עס קען אבער נישט געגעבען ווערען קיין צוזאג וועגען דער צייט, ווען עס וועט אנגענומען ווערען א בעשלוס אין דער פראגע.

די דעלעגאציע האט דערקלערט דעם לארד פאספילד, אז דער „בארד אף דעפיוטיס" האט מיט'ן חיסען און צושטימונג פון קאלאניאל־אמט גענומען אין 1929 די איניציאטיווע אויף די בריטישע אינזלען אין דער בעוועגונג פאר דער צוזאמענארבייט פון אלע טיילען פון דער יודישער עפענטליכער מיי־נונג אין דער פערברייטערטער יודישער אגענץ, הגם דער יעד־הקהלות איז נישט קיין ציוניסטישע קערפערשאפט, איז ער אבער דעריבער דאך שטארק פעראינטערעסירט אין דער אדמיניסטראציע פון מאנ־דאט. דער ועד־הקהלות איז געווען געצוואונגען צו גלויבען, אז די עליה־סערטיפיקאטען זענען געווארען אפגעשטעלט צוליב פאליטישע מאטיווען, הגם די עקאנאמישע פאקטארען זענען גרינדליך געפאָרשט געווארען דורך דער א"י־אדמיניסטראציע, איידער די סערטיפיקאטען זענען ערטיילט געווארען דעם 12. מאי ה. י. דער בעשלוס פון דער רעגירונג האט גע־שטערט דעם ווערק פון דער יודישער אגענץ און האט געשיינט צו בעצייכענען, דאס די רעגירונג האלט זיך ביי יעדער מיינונג, אז די יודישע אימיגראציע מוז אפגעשטעלט ווערען. די יודישע אגענץ איז פולשטענ־דיג אפהענגיג פון פריווילגיע בעשטייערונגען, און די צוריקציהונג פון די סערטיפיקאטען האט געהאט ערנסטע פאלגען פאר די הכנסה־קוועלען פון דער אגענץ. די רעגירונגס־פאליטיק האט נישט געשאפען קיין לאיאלע און צופרידענע בעפעלקערונג אין א"י. די יודען האבען זיך משך פון דורות געליטען אונ־גערעכטיגקייט פון אנדערע און זיי זענען געווען די לעצטע צו ווינשען וועהען עוולות, וואס זאלען בע־גאנגען ווערען לגבי די אראבער. די דעלעגאציע האט געבעטען זיי, מאיעסטעטס רעגירונג צוריקצוגעבען די סערטיפיקאטען און צו דעמאנסטרירען איהר כוונה צו פערוואלטען מיט א"י אין גייסט פון מאנדאט.

יורידישע עצות

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רע־דאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטפערען אויף יורידישע פראגען, וואס ווע־רען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן

יורידישע אפטיילונג פון „נייעם פאלקסבלאט".

בײַם דערלאנגען אנ'אנפראגע אויף א יורידישע עצה, דארף צוגעלעגט ווערען דער קופאן מיט דער דאטע פון'ם טאג, ווען די אנפראגע ווערט ארײַנגעגעבען אויף אנפראגען אהן קופאן, וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

מעלדונג

די אלע לעזער, וועלכע האבען זיך געווענדעט אין די לעצטע טעג מיט יורידישע אנפראגען און האבען נאך ביז היינט אויף זיי נישט בעקומען קיין ענטפער. ווערען געבעטען פערזענליך וועגען זייערע ענינים זיך צו פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט פון 3—4 נאכמיטאג.

---

720. ק. ס.

די אויטאמאטישע צאהלפעהיגקייט פון חובות, וועלכע ס'פירמא האט אנ'אויבאדלאשט, איז גילטיג אויסשליסליך נאר די יעניגע חובות, וועלכע דער געפאלענער בעל־חוב איז שולדיג אנדערע, אבער נישט די, וועלכע מ'איז איהם שולדיג. אפילו די חובות, וועלכע ער איז שולדיג אנדערע, האט די צאהלפעליגקייט א ווירקונג בלויז נאר לגבי דעם פערמא פון געפאלענעם בעל־חוב אבער נישט לגבי אלע איבעריגע פערזאנען, וועלכע זענען פאר'ן זעל־בען חוב מיטפערא.טווארטליך.

---

721. א טרייען לעזער פון ציגעלגאס.

מיר האבען שוין נישט איינמאל געענטפערט אויף אזעלכע אנפראגען, אז א מאגנעל ווערט בעט־טראכט נישט פאר קיין אינדוסטריעלע, נאר פאר א האנדעלס־אונטערנעהמונג, און ממילא איז דער אינהאבער פערפליכטעט אויסצוקויפען נישט די 8־טע, נאר די 4־טע קאטעגאריע פאטענט.

דער אומשטאנד, וואס איהר בעשעפטיגט נישט קיין גערונגענע מענשען, ענדערט אין דעם פאל נישט די לאגע.

---

722. שיינוילבער.

וועגען אייערע ענינים דארפט איהר פערזענליך זיך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט טעגליך פון 3 ביז 4 נאכמיטאג מיטברענגענדיג די צייטונג.

---

723. חיים פ—סקי.

מ'האט אייך א פנים געטרייסט מיט פאלשע אינפארמאציעס. דער בעשטימטער טערמין, ווען די עקסמיסיע דארף אויסגעפיהרט ווערען, טראגט נישט קיין פרעקלוזיווע כאראקטער. מיט'ן בעשטי־מען א געוויסען טערמין, פאר דער עקזעקוציע איז דער געזעצגעבער אויסען צו שיצען די אינטערע־סען פון לאקאטאר, נאר אויך אזוי פיל, אז דער הויז־ווירט איז איהם נישט שאדען היבש און ער זאל געפאלס פריי עקסמיטירען, נאר מוזען אפווארטען ביז אט דעם דערמאהנטען בעשטימטען טערמין.

דאגעגען נאכ'ן טערמין איז שוין דער הויז־ווירט בנוגע זיין רעכט אויסצופיהרען דעם עקס־מיסיע אורטייל נישט געבונדען מיט קיין שום צייט־בעשטימונגען, אלגעמיין מיט אזוי גערופענע פר־ראקאלע.

און דעריבער, אויב די עקסמיסיע איז נישט אויסגעפיהרט געווארען אין בעשטימטען לויט'ן אור־טייל טערמין, ווערט נאך דערמיט אליין די עקס־מיסיע נישט בטל.

בעמאהט זיך מיט'ן הויז־ווירט אויסצוגלייכען צו פערגלייכען, ווייל דער זעלבער אורטייל בלייבט ווי־טער אין דער פולער קראפט און מ'קאן אייך דער־היבער ווייטער א ליארע טאג עקסמיטירען.

Dr. med. S. Heinrich

נעהמט אן ומער־צייט אין **פאדעמביע**

ווילא „זאכענטא"

נישט ווייט פון פענסיאנאט נויעטשארקאווסקי.

ספעציאליסט פון קינדער- און אינער-ליכע קראנקהייטען.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים־ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר וועגערישע הויט־קראנקה. און מענער־שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא־לאגישע און נערווען־קראנקהייטען. קווארץ־לאמפ. עלעקטרישער הייל־קאבינעט קאסמעטיק.

— טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונד. — פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט אן א פרוי־דאקטאר נור קינדער און פרויען זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג. — בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

דאס ערשטע מיידעל

(סצענעס לעבען פון דער הייגטיגער יוגענט אין רוסלאנד)

פון ניקאלאי באגדאנאוו

2.

אין „יאמשעיקע" איז גארנישט געשעהען קיין אויסערגעוועהנליכעס, אלץ איז געגאנגען בשלום: דעם סעקרעטאר האט מען נישט געפיטעט, דער קא־מיטעט איז פערבליבען דער זעלבער, אבער דאס לעבען פון דער „יאמשעיקע" איז געגאנגען מיט'ן קאפ אראפ. און זעמען קאלט עס איינגעפאלען, אז דאס ערשטע מיידעל וועט אונז ברענגען אזוי פיל צרות.

יעדער פון די זיבען מענשען האט זיך ארומגע־טראגען מיט'ן געדאנק, ווי אזוי צו דערציהען דאס מיידעל און מאכען זי פאר אנ'אמת'ע קאמסאמאלקע. יעדערער פון אונז איז ארומגעגאנגען אנ'אויפגעהויי־בענער, אז די דערציהערין (אנטלאפענע סאלדאטען), א לען איהר עפעס נישט אפטאן. עס איז דערהיבער יעדען איינעם אויסגעקומען אפצוהיטען זי.

פריהער פלעגען די פערזאמלונגען פארקומען ווען עס האט זיך געמאכט — ביי יעמער און באר, ביי יענעם אדער ערגעץ אנדערשוואו. אבער איצט האט מען זיך פערזאמעלט נאר אין קלוב: עס פאסט נישט פאר אנ'ערהליך מיידעל ארומצושלעפען זיך און בעדער!

מיר זענען געקומען אין קלוב, געעפענט די לאדענס און אנגעהויבען דורכלופטערען. די פענסטער אנגען ביז יעצט נאך מיט לאדענס צוגעמאכט, אהן שויבען־גלאז און האלץ און איז א טייערע זאך. מען פלעגט נאך נישט ארייננשטעלען א שויב, ווי עמ־צער נעהמט זי ארויס פאר איינענע נוצען. אפהיטען האבען מיר קיין צייט נישט, און כאטש מיר פערמאגען צוויי פעקלעך רעקווירירטע גלאז, בעהאלטען מיר עס, ביז דער עולם וועט זיך אפ'סעל צוגעוואוינען צום געזעלשאפטליכען פערמעגען און וועט פערגעסען, אז אונזער קלוב איז געוועזען א פריציש הויז. מיר האבען אויסגעוואשען א צימערל, אנגעהאקט אין פארק צווייגלעך, צעווארפען איבער'ן דיל, כדי צורעקען דעם שמוץ, און האבען געווארט אויף סאניען.

— נו, — האט געזאגט מיט א קרעכץ פיטקין,

— עס זעהט אויס גאנץ אנשטענדיג, איצט בלייבט איבער אויסצושטעלען א סאך־ארדנונג.

— אט־אדא איז דער אפעראט, — האט גע־זאגט אוטאטשקין — מעהר פון אלץ האט אונזערע פערזאמלונגען פערגומען בעקאטשיאס פאליטישע אויפקלערונג. אבער פאר א מיידעל איז דאס נישט אינגאנצען פאסיק...

מען האט אנגעהויבען ברעכען זיך דעם מוח, מיט וואס עס צו פערבייטען, נו, ערשטענס, דעם בעריכט וועגען דער אינטערנאציאנאלער לאגע, און וואס ווייטער? מען קאן דאך נישט גלייך אנהויבען מיט ארנפארמאציע און אנדערע געשעפטען.

— חברה, עס איז נארישקייטען, — האט גע־זאגט פיטקין, עס איז א זעלטען בוך. די האט עס געוויס נישט געלייענט, פערשידענע זאכען און אין בוך, וואס רו וווילסט. מיר'ן אויסקלויבען דארט, וואו עס רעדט זיך וועגען גלחים; וואס לייכטער און עס וועט געהן.

— ריכטיג, שטרייך אונטער וואס צו לייענען און וואס אויסצולאזען.

אוסאטשקין און פיטקין האבען זיך פערנומען מיט'ן אויסשטעלען דעם פראגראם. זיי האבען נאך נישט בעוויזען צו ענדיגען, און סאניע איז אריינגע־קומען. מיר האבען מיט ערנסטע פנימער זיך גענומען צו דער ארבייט פון די אנגעהאקטע צווייגלעך האט זיך געטראגען אנ'אנגענעמער פרישקייט. א ווינטעל האט געבלאזען פון פענסטער, און בין אויפגעשטאנען, געגאנגען... סאנארדנונג פון דער פערזאמ־לונג און וועגען פארלעזען פאקאטשיאס. נאך און אזוי אנגעבערקט, אז זי זאל זיך נישט כאפען, וואס דאס איז, איך גיב א קוק, זי האט צוטעפענט פערזאמל־דערט די אויגען און זי האט אפילו די האר־שפילקע פערריכט.

— וואס איז? — האב איך א פרעג געטאן, — דאס איז דאך אנ'אויסלענדישער שרייבער, א ספעצי־אליסט איבער'דער אנטי־רעליגיעזער פראגע... עס איז נישט קיין רוסישער נאמען, אבער...

און אוסאטשקין האט שוין ווידער בעהאלטען דעם בוך אונטער'ן בענקעל.

בעדאלט נישט, איך האב דאס שוין לאנג געלייענט. עס איז אנ'אינטערעסאנט בוך. איך האב געהערט, אז עס איז פערהאן ריכטיגע פאליט־אויפקלערונג. מען דארף דאס אויסשרייבען פון מאסקווע.

סאניע האט אונז אלעמען דורכגענומען מיט איהרע קלוגע אויגען.

— ווא וועלען מיר נעמען געלד אויף אויסצו־שרייבען? — האט א בורטשע געטאן גאלאווין.

— אנ'אוונער ווילט איהר דורכפיהרען?

— און ווער וועט קומען צאהלען געלד?

— א מען וועט מאכען אנ'אינטערעסאנטע פראגראם און געבען א פארשטעלונג.

— א, חברה דאס איז אנ'עניין, — האט או־סאטשקין אינטערעסירט סאניע'ן.

עס האבען זיך אנגעהויבען פראקטישע גע־שפרעכען, און איך, דער פאריצער, האב נאך נישט בעוויזען זיך ארומצוקוקען, ווי ארום סאניא איז די פערזאמלונג געווארען טיכטיג און לעבעדיג. איך האב זיך געפרייט.

נאר פיטקין איז געזעסען שטיל, נישט גערירט מיט'ן קאפ, זיך אנגעבלאזען, אינגאנצען א רויטער, איך האב מורא געהאט, ער זאל נישט פּלאצען.

פון דער פערזאמלונג זענען מיר זיך פונאנדער־געגאנגען אויפגערודערטע.

אויפ'ן צווייטען טאג זענען מיר פון ווערטער אריבער צו מעשים, און עס איז אזוי געגאנגען.

מען האט געדארפט אריינשטעלען פענסטער אין קלוב, אויפראמען דעם צימער, די האט געזאגט די חברה נאך טענען־בוימלעך און צעפיהרען קליי, כדי די ווענד צו בעקלעפען, און ביי איהר אליין ברענט די ארבייט אונטער די הענט. דער שווארצער לאק האר איינגעשמירט אין קראכמאל און זי בע־מערקט אפילו נישט.

די ארבייט איז אראפ גלאט, מיר האבען אויפ־געראמט אין צימער, אבער וואס ווייטער, אלץ ער־גער... ווי נאר מיר האבען געבראכט אין ארדנונג דעם צימער, האבען אנגעהויבען אריינצוקומען צו אונז אומפארטייאישע און אפילו פשוטע פויערישע מיידלעך — סאניאס חבר'טעס. מיר האבען געמוזט נישט נאר זידלען זיך און אפ'ן ארט פון די אמת'ע ווערטער אויסצוגעפינען ספעציעלע אויסדרוקען, — מיר האבען בעדארפט צו יעדע פערזאמלונג גרייטען זיך ווי צו אנ'עקזאמען. מי'ר האבען שוין איצט ווע־גען פאקאטשיא אפילו נישט געטארט טראכטען. אין איינמאל האט זי פארגעלייגט פאר דער נאצער פערזאמלונג:

— חברה, מיר אלע, ווי בעווא סטויניג, דארפען אויפהערען רויכערען און מיט דעם געווען א גוטע ביישפיל דער נאנצער יוגענט.

— נו, ווי אזוי קען מען זיך אנטגעגענשטעלען. מיר פיעשטשען די, זי איז דא קיינע ביי אונז, נוט, מיר האבען בעשלאסען, און אזוי האבען מיר בע־שלאסען נישט רויכערען נישט נאר אויף די פערזאמ־לונגען, נאר אינגאנצען נישט צו רויכערען.

איינמאל פאר א פערזאמלונג האבען מיר זיך אזוי פערדערט אין דער פראגע וועגען איהר ער־ציהונג. אז די סיגארעטלעך האבען דך אזוי ווי פון זיך אליין אויפגעדרייט, און מיר ארבייטען נאכ'ן די הענט. פלוצלונג האט פיטקין איהרע דערוועהנטע גיין־אינס, צווייי — די סיגארעטקעס און די ארבעל...

מיר זיצען און ביי אלעמען זענען די לינקע הענט אראפגעלאזט. די פערזאמלונג גייט און דער רויך פון אונזערע ארבעל גייט אויך. א סמאלענדיגער און עסענדיגער.

דער ערשטער האט דאס בעמערקט פיטקין און זיך געלאזט לויפען. אוסאטשקין נאך איהם דער צווייטער און אלע אזוי איך לויפען, און פון ל' ארבעל שיט זיך פייער!

מיר האבען פערלאשען און גייען צוריק. ביי אלעמען זענען די ארבעל אויסגעברענט, מיר גייען, רויטלען זיך מיט אראפגעלאזטע אויגען, און סאניא קוקט אויף אונז כיטרע און איהר לאך האט ציטערט.

זי האט גארנישט געזאגט, אבער מיר פיהלען דען נישט? און דעם טאג זענען אלע געווען בע־זונדערס אויפמערקזאם צו איהר, איהר פארשלאג גלייך דורכפיהרען די פערשטעלונג מיט אנ'אפצאהל אויף אויסצושרייבען ביכער און צייטונגען איז אנ־גענומען געווארען איינשטימיג.

פון דער פארשטעלונג האבען מיר געהאט צו זינגען און צו זאגען. דאס ערשטע — בויען א בינע. פריהער איז ביי אונז געווען פשוט: א שטיקעל פלאט־פארמע און מיט אנ'ארויסגאנג דורך א זייטיגער טיר פאר די אקטיארען. מיר האבען בעגאנגען א רעקוויזיציעס און היפש־עכליך־האבען מיר גע־ליינט געוויכט אויף די טענץ, ווייל מ'ר האבען נע־האט אומויסטע שפילער. מאן איצט א גאנצע וואך האבען מיר געזעגט און געהאקט און געהובלעוועט געשלעפט ברעטער, מיר האבען זיך פערוואנדעלט פון קאמסאמאלצעם אין שווארצע ארבייטער. אנ־דערש מאל ווילט זיך א שפיי טון אויף אלץ. די הענט לאזען זיך אפ, און זי קומט צו, גיט א גלעט איבער'ן פלייצע:

— וואס, נישטא קיין כח? גיב, איך וועל העלפען.

און זי הויבט אן אליין ארבייטען... עס נעמט אן א פערדרוס, און דו הויבסט אן איהר אויף צו להכעיס צו ארבייטען, ביסט גרייט בערג איבערצו־קעהרען! — קוק, איך וועל זיך נאך אונטעררייסען, וועט עס זיין דיין שולד.

מען האט די בינע פערענדיגט.

פון דער שווארצער ארבייט האבען די חברה געקראגען פנימ'ער, אז מען האט זיי נישט געקענט דערקאנען, ביי דער ארבייט האבען מיר געטראגען שמאטעס אנשטאט די שטענדיגע וואכען.

(פארזעצונג קומט)

געטריישאפט פון נאסען-פרויען

צום קאמף געגען פרויען-האנדעל אין ארגענטינע

די חאלע פון דער אונטערגעקויפטער ארגענטינער פאליציי און אלוועלטליכען האנדעל מיט לעבעדיגע סחורה, שילדערט דער באוואוסטער יודיש-ארגענטינישער זשורנאליסט יעקב באטאשאנסקי, וועלכער דערציילט:

אין 7-טען פאליציי-קאמיסאריאט זענען פערשפארט שוין זייט עטליכע טעג אריבער צוואנציג נאסען-פרויען. די „פראפעסיע" פון נאסען-פרוי איז אין אונזער ארגענטינע להלוטין נישט קיין פערבאטענע. לויט'ן געזעץ זענען נאסען-פרויען נישט קיין פערברעכערינס (לויט'ן יושר זענען זיי אויך נישט קיין פערברעכערינס, נייערט אומגליקליכע קרבנות) און דאך האלט מען די דערמאנטע ארעסטירט.

פארוואס?

צוליב וואס?

בכדי צו קאנען ארויסקריגען ביי זיי די נויטיגע ידיעות וועגן זייערע „חתנים" און מענער, וואס זענען — על פי געזעץ און סיי על פי יושר — פערברעכער, און אז מען וויל ארויסקריגען דעם אמת מוטשעט מען אביסעל צו.

שוין דאס זיצען אין ארעסט איז פאר פרויען א מוטשעניש: מען גיט זיי נישט קיין געלעגערס, מען האלט זיי אויף הארטע און טרוקענע בענק און אז זיי כאפען א דרימעל, רופט מען זיי צו דער אויספארשונג.

די נאסען-פרויען זעהען מורא'דיג אויס. זיי פערגעסען נישט זיך אונטערצופודערן און צו פארבען, אבער — עס העלפט נישט. די אייגענע הויט שטארטשעט ארויס א גרינע און אינגאנצען זעהען זיי אויס געבראכען און צובראכען. אייניגע ווייזען בולט'ע סימנים פון נישט געזונדקייט.

קיין געשמאק מאכל איז דאס זיצען אין קאמיסאריאט — נישט. און זיי וואלטען געקענט דערפון גרינג פטור ווערען. זיי וואלטען נאר געדארפט ארויסזאגען דעם אמת וועגן זייערע „חתנים" און „מענער". וואס זענען על-פי רוב זייערע פערפיהרער, אבער זיי זאגען נישט. קיין איינע האט נאך איהר חברה-מאן נישט פערראטען און פערמסר'ט.

זיי ווייזען ארויס א... מארטירערישע פעסטקייט, וואס דערמאנט להבדיל אין דער האנדלונג פון... רעוואלוציאנערען.

און עס ווערט זעהר מאדנע און אומפערשטענדליך. פונוואנען אזא העלדישקייט? פונוואנען אזא אייזערנער ווילען? עס ווערט דאך קיינער נישט זאגען, אז רופיאנים און פראסטיטוציע איז זייער אנ'אידעאל, עס איז — אויך צו זאגען — אינסטינקט פון פערניכטונג. די גאנצע אונטערוועלט האט אנ'אומגעהייער שטרענגע „קאלעגיאלע עטיק".

ביי רעוואלוציאנערען זענען געזען א סך פראוואקאטארס.

ביי גנבים, באנדיטען, פרויען-הענדלער — זעהר זעלטען, אדער כמעט גארנישט...

איך פערזענליך האב אמאל יא געהאט פאר מיך א סוביעקט פון א פרויען-הענדלער, וואס האט געוואלט ווערען א פראוואקאטאר. ס'איז געווען מיט א קארגע צוויי יאהר צוריק. איך האב בעקומען א בריוועל פון דער טורמע פון אנ'ארעסטירטען פרויען-הענדלער, וואס האט געבעטען, אז איך זאל קומען צו איהם, ער האט מיר וויכטיגעס צו איבערגעבען. איך האב נישט געוואלט געהן אליין און איך האב מיט זיך מיטגענומען א קאלעגע. איך האב געטראפען א יונגען שעהנעם מאן, ער האט געזאגט, אז ער איז פון א למדנישער פאמיליע, געשריבען יודיש האט ער שלעכט און גערעדט האט ער גראב-יונגיש. ער איז באלד ארויס מיט לשון. זיינע חברים פון „פאך" האבען איהם נישט בעראכטעלט, נישט געגוג ענערגיש פערטיידיגט

און ער וויל זיי — האט ער געזאגט — העראפ-ארויסגעבען. האט ער געוואלט, אז איך זאל איהם העלפען צו ווערען א מסור. איך זאל געהען צו דער פאליציי און דער יוסטיץ און איהם פארלייגען אלס פראוואקאטאר. די מעגליכקייט אויפצודעקען די רופיאנישע נעסט האט מיך גערייצט, אבער — איך האב נישט געגלויבט, אז די פאליציי וויל באמת אויפדעקען די דאזיגע נעסט. מ'האט דאך דאס געקענט טון אהן א פראוואקאטאר. זיי האבען דאך געהאט דעם גרויסען פעראיין „ווארשאוויא" און אנדערע אינסטיטוציעס. העלפען דער פאליציי קריגען א געלד-קוואל, האט מיך נישט אינטערעסירט. האב איך זיך געזאגט:

אז די פאליציי וועט וועלען ארויסרייסען די פעסט, וועט זי עס טון — און וועט נישט דארפען מיין הילף.

דער רופיאן, וואס האט זיך געגרייט ווערען פראוואקאטאר, האט אויסגעזעהן זעהר אומגליקליך. ער האט טרויעריג געשטרעקט זיינע הענד צו אונז. מיין קאלעגע האט איהם געגעבען די האנד און איך, וואס בין בטבע נישט קיין אכזר, האב איהם די האנד נישט געגעבען. מיט די אויגען האב איך איהם געזאגט:

— ביסט א קרעצינער..

און איך ערקלער איצט, אז יעגער חברה-מאן איז אנ'אנטיקום אין דער אונטערוועלט. בכלל איז אין דער היינטיגער וועלט נישט פערהאן קיין מוסרים און עס קען זיין, אז דאס נישט וועלען ארויסגעבען די פערפיהרער מצד די נאסען-פרויען, וואס זענען פערשפארט אין קאמיסאריאט, שטאמט פון דער אונטערוועלטישער קאלעגיאלער עטיק. אבער נאר פון דעם אליין קאן ער נישט שטאמען, ווייל די ענויים זענען צו שווערע און די פרויען — צו שוואכע.

נאסען-פרויען זענען מורא'דיג געטריי זייערע „מענער", א סך מעהרער ווי אנשטענדיגע פרויען זייערע מענער, און דאס נעהמט זיך אפנים דערפון, וואס כאטש פראסטיטוציע איז פון געזעץ דערלויבט און ווערט פון דער מענשהייט געברויכט, איז די פראסטיטוטקע א בעשעפעניש, וואס געפינט זיך אויסערן געזעץ. פון קיין מינימאלסטען רעספעקט קאן דאך קיין רייד נישט זיין. כבוד עקזיסטירט פאר איהר נישט און דאס לעבען איהרס איז אויך נישט זיכער. וואסער ווערט האט א פראסטיטוטקע און וואסער ווערט איהר לעבען? און דער איינציגער, וואס פערטיידיגט זי דאך, עפעס און וואס איז נישט העכער פון איהר, נאר טאקע ניחעריגער, איז דער אלפאנס איהרער, און אז זי האט איהם נישט, האט זי קיינעם נישט. אין גרעסטען רוב זענען זיי דאך אינגעריסען מיט טאטע-מאמע און פון דאנען שטאמט די הינטישע געטריישאפט פון דער נאסער-פרוי צום אלפאנס..

די צוואנציג נאסען-פרויען, וואס לאזען זיך מאטערן אין קאמיסאריאט בלייבען געטריי זייערע אלפאנסען, זענען העלדינס פון א שווערער און פינסטערער דראמע.

אוועקגערויבט א 14 יעהריג יודיש מיידעל און זי געשמד'ט

אין שטעטעלע רוזקי נישט ווייט פון לעמבערג וואוינט א געוויסער שמעון פוקס, א גאנץ אנשטענדיגער און אנגעזעהענער בירגער אין שטעטעל. פוקס איז איינגעשטעלט אין רוזקי ביי א דארטיגען סוחר און האט גאנץ נישקשה'דיג פרנסה.

פוקס האט צוויי קינדער. איינע פון די צוויי קינדער איז א 14-יעהריג מיידעל מיט'ן נאמען שארלאטע.

שארלאטע איז גאר א שעהן מיידעל פשוט א געראטען קינד ביי איהרע עלטערן. די עלטערן האבען שארלאטען ליב ווי זייער און האלטען זי ווי אנ'אויג אין קאפ. שארלאטע איז א קינד מיט אלע מעלות, אין שול איז זי די בעסטע שילערין און עס איז קיין חידוש נישט, אז די עלטערן „שפיגלען זיך" אין שארלאטא.

שארלאטע האט אין שטעטעל געהאט איהרע חברטעס, זי האט זיך אויך געשפילט מיט די קינדער פון די שכנים און זי איז אויך אפט אריינגעקומען צו א שכנטע מיט'ן נאמען בערנאטאווא.

דעם 13-טען יוני אינדערפריה, אז פרוי פוקס איז ווי געוועהנליך אויפגעשטאנען פון איהר בעט, געמאכט דעם פרישטיק און דאן איהם אריינגעטראגען אין קינדער צימער פאר איהר בעליבט קינד שארלאטע.

א ציטער און א שרעק האט ארומגעכאפט פרוי פוקס ווען זי איז צוגעקומען צום בעט פון שארלאטא. דאס בעט איז געווען לעדיג, שארלאטא איז נישט געווען.

— וואס זאל דאס בעדייטען — האט פרוי פוקס א קלער געטון, וואס מיז שארלאטע איז א גאנץ פריה שוין אין בעט נישטא. זאל זי אפשר האבען אזוי פריה אויפגעשטאנען און זיך אוועקגעגאנגען שפילען? זי טוט דאס דאך קיינמאל נישט.

א זעץ האט פרוי פוקס געטון דאס הארץ און דאס גאנצע בלוט איז איהר געקומען אין קאפ אריין. עפעס האט זי געפיהלט, אז עס איז נישט אין ארדנונג. זי האט א האסטיגען לויף געטון צו דער שאפע און דא האט די פרוי פוקס בעמערקט אז עס פעהלען אויך אלע קליידער פון שארלאטא.

— שארלאטא! מיין געליבט קינד, וואו ביזטו!

— האט אויסגעשריגען פרוי פוקס — און איז אנידער געפאלען אין חלשות.

עס זענען זיך צונויפגעלאפען באלד אלע שכנים, עס איז געווארען א געוואלד און א רעש אין שטעטעל, דאס שטעטעל איז געשטעלט געווארען אויף די פיס.

צווישען די אנגעלאפענע שכנים, האט זיך אויך געפינען די בערנאטאווא, פרוי פוקס האט שרעקליך געוויינט און ספאמירט. אלע אנוועזענדע האבען מיט איהר מיטגעוויינט. אויך די בערנאטאווא האט מכלומרשט מיטגעוויינט און מיטגעפיהלט מיט דער אומגליקליכער פרוי פוקס אבער ווער האט געוואלט וויסען, אז אין דער זעלבער מינוט געפינט זיך שארלאטא בעהאלטען ביי דער „בערנאטאווא".

די דאזיגע פוירטע האט נאך מיט א לענגערע צייט צוריק אנגעהויבען צו זיך פערבעטען די קליינע שארלאטא. דארט האט מען איהר אנגעהויבען איינצורעדען, אז זי זאל זיך שמד'ען. מען האט איהר צוגעזאגט פערשידענע גליקען. די בערנאטאווא האט זיך אויך גענומען צו הילף איהר מאן, א געוויסען טאראז (טאראאש) און עפעס א קרובה רוזיא. אלע צוזאמען האבען א לענגערע צייט איינגעטענה'ט מיט שארלאטא און איהר דערצעהלט פערשידענע בבא-מעשיות ביז עס איז דער האוינער חברה געלונגען דאס קינד איבערצורעדען און זי איז אנטלאפען פון דער היים.

אין משך פון גאנצע 24 שעה איז שארלאטא געווען בעהאלטען ביי דער בערנאטאווא און סיי א טאג שפעטער האט מען זי אוועקגעפיהרט אין דארף פאהארצע נישט ווייט פון רוזקי, און פאהארצע האט שארלאטען דער הארטיגער גלח אפגעשמדט.

כאראקטעריסטיש איז דאס, אז שארלאטא פערמאגט נישט קיין איינציגע פאפירען, קיין מעטריקע. זי איז נעמליך געבוירען געווארען בעת דעם קריג אין פראג. און ביז היינט האט מען זי נישט איינגעשריבען אין קיין מעטריק-אמט און עס פרעגט זיך איצט ווי אזוי האט מען שארלאטען אזוי איינס צוויי געקענט אפשמדען אהן דאקומענטען.

אין פאהארצע איז שארלאטע געבליבען ביז ארום 18—19 און פון דעם האוינען דארף איז זי נאכ'ן שמד אוועקגעפיהרט געווארען קיין פוזען.

בלוטיגע טראגעדיע האט זיך אפגעשפילט אין אריסטאקראטישען קעמברידזש-אוניווערזיטעט אין ענגלאנד

(ענדע פון דער 3. זייט).

פרויען, וועלכע זיי האבען געבראכט פון די לאנדאנער נאכט-קלובען. די פרויען זענען געווען אין מענערשע קליידער און זענען אזוי איינגעשמוגעלט געווארען אין די קאלעדזש-צימערען, וואו זיי האבען פערבראכט אין ווילדסטע הוליאנקעס. די זעלבע סטודענטען פלעגען אוועקגעהן פערבריינגען אין פרעהליכע הייזלעך אויף גאנצע טעג און נעכט. און כאטש געוויסע בעאמטע פון אוניווערזיטעט האבען געוואוסט דערפון, ווייל אנדערע סטודענטען האבען זיי צוגעשיקט מסירות, און כאטש די בעאמטע האבען אפטמאל געכאפט געוויסע סטודענטען ביי שמוציגע מעשי'ם, האט מען אבער קיין שטעלונג צו דעם נישט גענומען בלויז דערפאר ווייל די שולדיגע זענען געווען זיהן פון רייכע, אריסטאקראטישע עלטערן, וואס שטאמען גאר פון די הויכע פענסטער; דעריבער אנ'ארימע סטודענט בעשטראפט מען פאר דעם מינדעסטען פערברעכען.

עס איז אויך אויפגעוויזען געווארען, אז אין קיעמברידזש און אין די נאהנטע דערפלעך ארום קיעמברידזש זענען לעצטענס אויסגעוואקסען אומעלכע סארטען קאפען, וואס האבען א גאנץ אומשולדיגען אויסזעהן פון דרויסען, אבער וואס זענען פלעצער פאר אויסגעלאסענקייט. אט די קאפען ווערען אויסגעהאלטען פון עטליכע סטודענטען, וואס פערשווענדען טויזענטער פונטען א יאהר אויף ווילדע הוליאנקעס און וואו די גרעסטע אויסוואורפען פון דער אונטערוועלט קומען זיך צוזאמען. מען האט זיך אויך דערוואוסט פון די פוילישע און גייסטיגע ליידען וואס די ארימע סטודענטען דארפען דורכמאכען צוליב דעם וואס זיי קענען נישט נאכטון זייערע רייכע הולטאיסקע קאלעגען.

די געשיכטע האט ארויסגערופען א טומעל. דער אלטער גלאנץ פון דעם ווארט „קעמברידזש" איז געוואס אפגעווישט געווארען, און פון אונטער דעם גלאנץ האט מען דערזעהען דעם שמוץ, וואס האט זיך אנגעזאמעלט פאר די פיל יאהרען, ווען קעמברידזש איז געווען א פלאץ נאר פאר קינדער פון דער וועלט-אריסטאקראטיע.

י. ל. פ"ן.

דער מארד אין דער נאכט

(43

גרויסער שפאנענדער סענסאציאנעלער ראמאן

— ביטע, מיט וואס קאן איך אייך דינען? — האט זיך פריינדליך אפגערופען דער אלטער ליבעסקינד — איך וואלט שוין באמת געוואלט אז מ'זאל דאס שנעלער פאקען דעם שילדינג... דער הער הויף איז געווען זעהר א פיינער מאן.

— איהר האלט, אז דער הער הייזמאן איז געווען א פיינער מאן? — האט טארטשינסקי שנעל א פרעג געטון.

— זעהר! א זעלטען אנשטענדיגער און ערענטלעכער!

— און איהר שום פעהלערן?

— אטליכער פון אונז האט חסרונות, — האט דער אלטער באנקיר צווייטייטיג א זאג געטון — שוין איז דאס אלץ, וואס איהר האט ביי מיר געוואלט פרעגען?

— ניין, זעלבסטפערשטענדליך... נאר איך בעט אייך די ערלויבעניש צו פערגעבען די פראגען אזא סדר, ווי איך געפין פאר נויטיג.

— ביטע זעהר! — האט דער אלטער מספים געווען.

— מארא חסרון הייזמאנס האלט איהר פאר דעם גרעסטען?

— לויט מיין מיינונג איז עס דער, וואס ער האט צו שטארק שפעקולירט...

— אהא... שפעקולירט זאגט איהר?

— יא, און זעהר אפט געווען אומפארזיכטיג.

— האט ער פערלוירען א סך געלד?

ליבעסקינד האט א ווילע געשוויגען.

— יא, פערלוירען, נאר איך וויל נישט...

— מיט איין ווארט — האט איהם טארטשינסקי איבערגעשלאגען — ווען ער לעבט איצט, וואלט ער געווען באנקראט.

— פונוואנען נעהמט איהר עס? — האט דער אלטער אויפגערעגט אויסגערופען.

— עס זעהט אזוי אויס.

— איך האב עס אייך נישט געזאגט...

— יא, איך האב אייך סיי-ווי פערשטאנען...

מיר דארף מען נישט אריינלייגען קיין פינגער אין מויל... הייזמאן האט זיך רואינירט, און נישט זעהענדיג קיין מעגליכקייט זיך צוריק אוועקשטעלען אויף די פיס, האט ער בעשלאסען צו ענטלויפען קיין אויסלאנד... אויף אנ'אופן, וואס איז מיר אומבעקאנט האט ער געקריגען די פופציג טויזענד דאלאר, וואס זענען געלעגען ביי איהם אין דער קאסע, און ער האט געוואלט ענטלויפען מיט דער פריילין נארצעוויטש און יענעם טאג, ווען מ'האט איהם דער'הרג'עט... אזוי איז עס דאך?... נישט אזוי?... וואס זעט איהר דערצו זאגען!?..

— וואס וועל איך זאגען? — האט דער אלטער ליבעסקינד איבערגעפרעגט — דערצו וועל איך זאגען, אז אין אייער גאנצער זאגעניש, וואס איהר האט דא געזאגט איז נישטא קיין טראפען אמת!

קאפיטעל צוואנציג

אנ'אומגעריכטע ענטפלעקונג

אויף וויפיל טארטשינסקי האט פערשטאנען, אז פריילין מאריא איז א מערקווירדיגע עקשנ'טע, אויף אזוי פיל שנעל האט ער זיך אויך געכאפט, אז דער אלטער ליבעסקינד איז א גרויסער נאר.

דער איינגעליבטער און קארגער באנקיר האט אוודאי מיט זיין טעמפקייט און בעגרענעצקייט געמוזט ארויסברענגען פון די כלים פשוט'ע, נארמאל דענקענדע מענשען...

האט ער זיך נאר עפעס אריינגעגעבען א געדאנק אין קאפ, איז געווען עק-וועלט — האט ער זיך שוין בלויז געשטיצט אויף זיין מושב'דיגען עלטער און געניטקייט, און קיינער האט איהם נישט געקאנט ארויסבריינגען אין א ספק.

איבערצייגען איהם אין עפעס איז דאן נישט געווען קיין שום מעגליכקייט.

דער האוינער אומבעה'נטער אלטער האט געהאלטען זיין דערמארדעטען שותף פאר א מערטירער, און נישט געוואלט פאר קיין פאל אנערקענען, אז דער טויטער האט עפעס געהאט חסרונות, מחוץ דער ליידענשאפט צו שפעקולאציע.

ער האט גארנישט געוואלט זעהן און הערען וועגען דעם, אז הייזמאן איז געווען בכוונה צוצואייגענען זיך פרעמד געלד.

ער האט נישט געוואלט גלויבען, אז דער האוינער ארענטליכער און אנשטענדיגער מענש האט געקאנט וועלען ענטלויפען קיין אויסלאנד מיט דער פריילין לידיא נארצעוויטש, און דעריבער האט ער זיך אפגעזאגט צו ענטפערען אויף טארטשינסקים פראגען.

די סיבה איז געווען, וואס דער געהיים-אגענט איז חושד „זיין שותף" אין שווינדלעריי.

טארטשינסקי האט דעריבער נישט אויסגעהאלטען זיין כאראקטער און ער האט געגעבען דעם אלטען א גוטע נאב.

אנ'אויפגערעגטער, אנ'אומצופרידענער האט ער דאן פערלאזט די באנק.

ער איז גלייך אוועק צו ריקמאנען, רעכענענדיג אביסעל צו צושטרייען זיך, און געבען די געדאנקען אן אנ'אנדער ווענדונג.

ער איז אבער אריינגעפאלען, אזוי-צו-זאגען, פון פייער און וואסער..

אין דעם שרייבערס וואוינונג האט ער געטראפען האפקען, וועלכער איז געווען מורא'דיג אויפגערעגט.

ריקמאן האט זיך איהם בעמיהט מיט פיל הפוזות צו בערואהיגען.

די געשרייען האט מען אויך געהערט אויף די טרעפען.

ווי נאר האפקע האט דערזעהן דעם געהיים-אגענט, האט ער זיך צו איהם א ווארף געטאן ענטקעגען און אויסגעשריגען:

— אהא!... ענדליך זענט איהר דא!... אפשר וועט איהר מיר קענען פערענטפערען, וואס איז די סיבה פון אייער אומדערהערטער האלטונג אין בעצוג צו דער פריילין נארצעוויטש?

— איי-איי-איי! — האט טארטשינסקי זיך-טיג ארויסגעבראכט — זי האט שוין בעוויזען אייך אויפצורייצען געגען מיר?

(פארטזעצונג קומט).

הײנט און פאלגענדע טעג! ריהרענדע ליבעס־דראמע פון א זוהן פון מזרח און פון א שעהנער אײראפעערין א. ג.

ליבעס־טרױם (די ליבע פון א טשערקעס)

אין די הױפּטראָלען: **Rod la Rocque i Marcelina Day**

אױפ'ן 1־טען סעאַנס זענען אַלע פּלעצער צו 60 גר. אָנהױב פון די סעאַנסען אין געװ. טעג 4.30 נאָכמ. שבת און זונטאָג 4 נאָכמ. לעצטער סעאַנס 10 אָװענד.
נעכסטער פּראָגראַם: Douglas Fairbanks אין דער נײעסטער דראַמע אױפ'ן גרונד פון געהײמניש פון פראַנצױזישען הױף א. נ.: „אײזערנע מאַסקע".

Kino Spółdzielni
Sienkiewicza 40.
קינא אין גארטען
בעמערקונג: פערקלענערטע פרייזען פון די פלעצער.

הײנט און פאלגענדע טעג! גרױסע פּרעמיערע! הײנט און פאלגענדע טעג!
מעכטיגע עראטישע דראמע, װאס שפּילט זיך אפּ אויף די מאַלײאישע אינזלען א. ג.

„זײן שקלאַפין"

אין די הױפּטראָלען: **Dorota Mackail i Milton Sills**

קינא־טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
(ביים פלאַץ קאָשטשעלני)
פערשטאַרקטער סימפאנישער ארקעסטער
דער זאַל איז מעכאַניש װענטילירט.

Dom Bankowy
Bracia Taub
Piotrkowska 17 tel. ogólny 157-90, „ Dyr. 207-35

Załatwia wszelkie czynności wchodzące w zakres bankowości

א האנט־
מאַנגעל
אין גוטען צושטאַנד איז פון זאָפאָרט צו פערקויפען
צו ערפאַרען זשעלאָנא 28 ביים מאַנגלאַזש.

צוליב ענדערונג
איז אָפּצוגעבען א גוט גע־הענדע ביר־האלע בעשטעהענד פון א גע־װעלב און 4 צימערן און קוך געאײגנעט אויף יע־דען אײנציגען געשעפט. געניױערעס צו ערפאַהרען קאָנסטאַנטינער 47 אין דער ביר־האַלע. 8687

א גרױס **װאױנונג**
איבערצוגעבען אויף א װערקשטעל אָדער א גע־שעפט אויף מאָנאָטליך צו צאָהלען. צו ערפאַהרען אַלטשטאַט 5, ביי ראַ־זענגאַרטען. 6788

װיכטיג פאר לעטניקעס!!
די ערשטע לאָדזשער גוט בעקאַנטע
פאַבריק פון פאטענטירטע פעלד־בעטען
מאַכט בעקאַנט, אַז צוליב'ן קריזיס האָבען מיר פערקלענערט די פרייזען פון אונזער אויסאַרבייטונגען
װי: פעלד־בעטען 14 זל., פעלד־בעטען מיט װענטלעך 18 זל.
לעזשאַקעס פון 8 זל. אָן, טאַבאַרעטקעס 3 זל., האמאַקעס פון 9 זל.
אונזערע פעלד־בעטען זענען פערזעהען מיט דער שוץ־מאַרקע „Palma-Patent",
פאַר װעלכע מיר גאַראַנטירען אויף פיל יאָהרען.
אַכטונג: מאַדערנע איבעראַל פעלד־בעטען נור מיט דער מאַרקע „Palma - Patent"

מיט אכטונג פירמע
„PALMA-PATENT"
אינה. שװאַרצאָװסקי
פּאָלנאָצנא 24, טעל. 131-85
בעמערקונג: פאר פראָװינץ — בעדייטענדע ראַבאַטען.

זיכערע הילף און א רפואה
אהן א אפּעראַציע, אָן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט פערגיסונג פאר קראַנקע אויף קילעס פאר מענער װײבער און קינדער, פערשידענע קאַליקעס אין גוף פאר הױקערס און פיס

פערלאָזט אייך נישט, װײל דער װינקעל־בראָך װערט גרױס אַזױ װי א מענשען־קאָפּ, אָדער אַזױ װי א װאַסער־קאַן און עס פאַלט אַרײַן אין דעם פוס און דער קראַנקער איז אין א גרױסער סכנה דורך פערדרײען די קישקעס װערט ער בראַנדיג און שטאַרבליך. ספּעציעל גומענע הײל־באַנדאַזשען אויסגעצײכענט נאָך דורך גרױסע פּראָפעסאָ־ רען מיט מײנע בעהאַנדלונג און פון דײַטשען פּראָפעסאָר־דאָקטאָר בראָכנערטונג בעזונדער זיכער דעם שװערסטען און געפעהרליכסטען

בראָך. אויך פאר הױקערס לײַמונגען מיט הײל־גאַרטען און אָפּאַראַטען פאר פערקריממ־ טע און פלאַך־פוס ספּעציעלע אײַנלאַגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענט, גומענע זאָקען פאר די גרעסטע קראַנקע אָדערן.
עמפּפאַנגט פון 9 ביז 1 בײַטאָג און פון 3 ביז 7 אין אָװענט.
ארטאָפּעדישע אַנשטאַלט
Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 29, front II p.
בעמערקונג: דאָס גרױנדליכע ערשײַנען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נױטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניװערזיטעטס־פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר באַראַנטש, פּראָפ. ד"ר י. מארישלער, פּראָפ. ד"ר בר. קיעלאנאָװסקי און אויך אַנדערע. מיר נעהמען אויך אָן פערזיכערטע פון דער קראַנקען־קאַסע.

דאַנקזאַגונג.
דערמיט דריק איך אוים דעם בעסטען דאַנק דעם העררן דיר. ראַפּאַפּאָרט ספּעציאַליסט פאר בראָך, װעלכער געהמט אָן אין לאָדז, װאָלטשאַנסקאַ 29, פראָנט 2. שט פער זײן כּשרונותהאַפטען פערלענגער מיר א גומענעם הײל־באַנדאַזש לױט זײן מעטאָדע, כ'האָב געליטען אויף בראָך 20 יאָהר און א דאַנק איהם בין איך הײנט געזונט אַזױ, אַז כ'קען איהם יעדען אײנציגען פּאַס עמפּפעהלען.
Dr. BERGHOF Arzt.

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 51-78
הױט און װענערישע קראַנקע יעגאַבענן און ליפּאַטאַילאָגימס. נעמט אָן פון 4—7 אין אָװענד

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאָלאָג אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאָן 72—134
נעמט אָן אינדערהיים פון 2-3 פ. מ. פון 7-9 נ. מ.
אין קליניק „סאַנאַטאַ" אַגראַדאָװאַ 10 פון 12—1

wystrzegać się naśladownictw o podobnem brzmierniu.

44 װיכטיג פאַר לאָדזשער און אומגעגענד! 44
זאָל יעדער װיסען, אַז **מעבעל**
שעהן, גוט און ביליג בעקומט מען נור ביי דער פירמע
Ch. ŁAZNIK
GDAŃSKA (Długa) 44, tel. 162-56
44 בעמ.: איך קויף אויך און פערקויף פערש. גענוצטע מעבעל, דיװאַנעס א. ז. װ. קומט און איבערצײגט אייך! 44

לעטשניצע פון דאקטוירים ספּעציאַליסטען
און דענטיסטישער קאַבינעט.
זשעזשינער 11, טעלעפאָן 3763
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָװענד.

ד"ר אימיך נאָז, האַלז, אויערן ק'	$4\frac{1}{2}$—$5\frac{1}{2}$
ד"ר ספּרשנער קינדער־קראַנקה.	9-11 $4\frac{1}{2}$-5
ד"ר שיפּמאַן אינערליכע קראַנקהייטען	12—2
ד"ר ביבערגאַל הױט און װענער.קר.	$11\frac{1}{2}$—$12\frac{1}{2}$
ד"ר שמירנעלד נערװען און גײַסטיגע קר.	1—2
ד"ר נעלדבלאַט אויגען־קראַנקה.	$12\frac{1}{2}$—$1\frac{1}{2}$
ד"ר חיים כירורגישע קראַנקהײטען	2—3
ד"ר שמעראַלאָװסקי פרויען־און געבורטס־הילף	$4\frac{1}{2}$—$5\frac{1}{2}$

פסיכאָ־טעראַפּיע, שפּראַך־שטערונגען װי שטאַמלען א.א. װי: פּאַקע,־שטעלן, קינסטליכע בערג־זון־בעשטראַל אינג־ שפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַצ. אויף פערל־ װינטער אין שטאָט. אין לאַבאָראַטאָריום װערען אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, אויך פלעגמאַ און בלוט
אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געװאָרען
א רענטגען־אינסטיטוט.
ד"ר לאָזשינסקי־סטאָראַפּאָלסקאַ
צאָהן־אַרצט 10—1, 3—6
קינסטליכע ציהן, קאָראָנען, פּלאָמבען א.א.װ.
די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאָג

הלך בתום ילך במה, ומעקש דרכיו יודע
גויל אלו רקיעי, קני כל תורש :תא
דין אלו ימי וכל מי כבישו :תא
דירי ארעא ספרי גרשמי רשו :תא
קענען נישט איבערגעבען דאָס רע־יעלקייט פון דער אַלט־בעװאוסטער רעכטסקאָנסולענטען־ביוראָ פון ה'
מאַנעלא, פּיעטריקאָװער 17
(זאַכאָדניאַ 52) טעל. 148-79
װאו עס װערט פּינקטליך ערלעדיגט, געװיסענהאַפט געשריבען אַלערליי ביטעס: ציװילע, קאַרנע, האַנדלאָװע, אַפּעלאַציעס, אדװאָקאַציעס, סלאָװזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעדט אין פּוילען, װעגען דירות אין ארױשאַגד ראַזיצמטשי, װי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. מיט אַכטונג ד. מאַנעלא, פּעטריקאָװער 17.

DR. MED.
L. Pikielny
אוראָלאָג
ספּעציאַל־אַרצט פאַר נירן, בלאָז און אורין־קראַנקהייט
NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעהמט אָן פון 4—7 אָװענד.

א מעבלירט צימער
מיט אַלע בעקװעמליכקײטען
ביי אַן אינטעליגענטער פאַמיליע איז פון זאָפאָרט צו פערמיטען. װאָלטשאַנסקאַ 74 װ. 18
אָנקוקען קען מען פון 10 פריה ביז 1 מיטאָג.

װעכנבעריז כירורגישע קליניק „SANATO"
אַגראַדאָװאַ 10, טעל. 213-57
1־טע און 2־טע קלאַס
ערצטליכע אויפזיכט
איבער דער מוטער און קינד.
פרייזען פון געבורט
אין 2־טע קלאַס צוזאַמען מיט פערהיטונגס־מיטלען
200 זל.

געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען מלאכה און ערד־אַרבייט צווישען יודען „אָרט" אין לאָדז
װאָלטשאַנסקאַ 27, טעלעפאָן 111-23,
צו דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג
װעלכע קומט פאַר דעם הײנטיגען דאָנערשטאָג, דער 17־טען יולי 1930, א זייגער 7 אין אָװענד אין ערשטען טערמין און א זייגער 9 אין אָװענד צום צװייטען טערמין, אין אייגענעם לאָקאַל, װאָל־טשאַנסקאַ 27, װערען אײַנגעלאַדען אַלע מיטגלידער פון „אָרט" אין לאָדז. 9827

Dr. Med. NIEWIAŻSKI
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הױט־קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער־שװאַכע.
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8—11 פאַרמ. און פון 5—9 אָװענד
זונטאָג און יום־טוב פון 9—1 פאַרמ.

Dr. med.
J. Lubicz
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18-31
קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלײצעס און גלידער
אײגענע פּראַצאָװניע פון קינסטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען, װי: קלאַדקעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע פערטעטען א. א. װ. נעמט אָן פון 2,30 ביז 4,30 נאָכמ.

Dr. med.
J. BETTE
ספּעציאַליסט פון אינערליכע און קינדער־קראַנקה
Piotrkowska 6, tel. 44-95
נעמט אָן פון 8—11 פאַרמ. און פון 4—6 נאָכמ.

Dr. Z. Rakowski
ספּ. פאַר אויערן־, נאָז־, האַלז־ און לונגען־קראַנקה.
9 קאָנסטאַנטינער 9, טעלעפאָן 27-81.
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 — 11 און פון 2—5

אַבאָנעמענטס־פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. א חודש מיט אַפּטראָגען א הײם; אויף דער פּראָװינץ 6 זל. א חודש; אין אויסלאַנד — 8 זל.
פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטװאָרטליך.
די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בײטאָג און ביינאַכט.

אַנאָנסען־פּרייז: פאַר'ן טעקסט—18 גר. פּריטאָג און ערב יום־טוב—24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ „ 60—
נאָכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ „ 18—
פאַר טעלעפאָן־שטעלעס: מיניסטער דער שטאַט 50 פּראָצ. טײַערער. אויסל. 100 פּראָצ. טײַערער. מעלדונגען—10 גר. א װאָרט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg.
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman